— דעם 5־טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אין טעאַטערזאַל פון „קדימה" אַן אָנדענק־אָוונט געווידמעט דער יונגפאַרשטאָרבענער אַרטיסטין און רעזשיסערין פייגעלע מאַקאָטאָוו. אין רייכן פראָגראַם האָבן אָנטייל גענומען אירע פילצאָליקע יידישע און אויסטראַלישע פריינד וועלכע האָבן מיט איר געשפּילט אויף יידישע און אויסטראַלישע בינעס. אין פילם־בילדער און פראַגמענטן פון אירע טעאַטער־ראָלן האָבן זיי אין אַ ברייטער מאָס אַרויסגעברענגט די פיל־זייטיקע פערזענלעכקייט פון דער יונגער פייגעלע, וועלכע איז אַזוי פרי אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער קולטור־סביבה.

— דעם 12־טן אויגוסט האָט די „קדימה" איינגעאָרדנט אַן אָנדענק־אָוונט געווידמעט די דערמאָרדעטע יידיש־סאָוויעטישע שרייבער, אומגעקומענע אין די קעלערן פון דער ק.ג.ב. אין לוביאַנקע און אַנדערע לאַגערן און פאַרשיקונגס־ערטער. דעם פאָרזיץ האָט געפירט ה. באַכראַך און עס האָבן גערעדט: ב. ווינער, מ. אייזענבוד, מ. גורעוויטש (רוסיש). יאַשאַ שער האָט געלייענט א פאָעמע פון חיים גראַדע און א יונגע רוסישע פאָעטעסע מאַיאַ קאַץ האָט זייער איינדרוקספול דעקלאַמירט צוויי רוסישע געדיכטן, פון דעם רוסיש־יידישן דיכטער אַלעקסאַנדער גאַליטש און אירס אַן אייגן ליד.

— דעם 26־טן אויגוסט איז פאָרגעקומען אין „קדימה" אַ ליטעראַרישער אָוונט געווידמעט דעם 125־טן געבוירןטאָג פון דעם גרויסן יידישן שרייבער שלום־עליכם. אַן איינלייטונג מיט שלום־עליכמס ביאָגראַפיע האָט געגעבן דער פאָרזיצער ה. באַכראַך. דער דיכטער אברהם ציקערט האָט געגעבן אַן אָפּשאַצונג פונעם גרויסן שרייבער א"נ „שלום־עליכם אין דער ווירקלעכקייט פון 1984". ער האָט געגעבן אַ הומאָרפולע אימיטאַציע פון מנחם מענדל און טביה דער מילכיקער און אַרויסגערופן ביים עולם שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. פינף קינדער פון דער ש"ע שול, אַראַנזשירט דורך יהודית וואַרשאַווסקי, האָבן אויסגעפירט דעם קינסטלערישן טייל.

— דעם 17־טן יוני 1984 איז אין חורבן צענטער (13 סעלווין סטריט, עלסטערנוויק) פאָרגעקומען א געדענקאָוונט געווידמעט דעם שוועדישן יידן־רעטער ראַאול וואַלענבערג. געעפנט דעם אָוונט האָט אהרן סאָקאָלאָוויטש. פרענק ווידא, אַן אונגאַרישער ייד, אַ געראַטעוועטער אַלס 9־יאָריק קינד א דאַנק וואַלענבערגס רעטונגס־אַרבעט, האָט געוויזן א פילם פון וואַלענבערגס אַקציעס, באַגלייט מיט זיינע פערזענלעכע דעראינערונגען. סאָניאַ וויסענבערג האָט געדאַנקט דעם וואַלענבערג־אַקטיוויסט פרענק ווידא.

— דעם 24־טן יוני איז פאָרגעקומען אין חורבן צענטער אַ קאַצענעלסאָן אָוונט. פאָרזיצער איז געווען א. סאָקאָלאָוויטש און עס האָבן גערעדט: מ. אייזענבוד און ד"ר מ. פערשטענדיק. עס איז אויך געוויזן געוואָרן אַ פילם. יאַשאַ שער האָט געלייענט פון קאַצענעלסאָנס חורבן־פאָעזיע און ש. פריילך האָט געדאַנקט די אָנטיילנעמער אינעם געלונגענעם אָוונט.

פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען זענען פאַראַנטוואָרטלעך די מחברים גופא.

---

נישט געוווּסט, אַז גאָר אין קורצן וועט א זאַוויערוכע זיך אויפהויב;, מיטן וואָרצל אַרויסרייסן און אַוועקשלידערן אונדז. פאַרוואָרלאָזט איז געוואָרן דאָס יידישע לעבן, פאַר[illegible] איז געוואָרן מילע 51.

אין די שווערסטע צייטן און אין די טראַגישסטע יאָרן האָט די וואַרעמקייט, וועלכע מיר האָבן אַרויסגענומען פון אונדזער שול, די איבערגעגעבנקייט פון די לערער אונדז באַגלייט, געטרייסט און געמוטיקט. נישט איינמאָל האָט מיר געקלונגען אין די אויערן דער געדאַנק, וועלכן דער לערער ראָטענבערג האָט אויף אַ לעקציע פון רוסישער ליטעראַטור אַרויסגעזאָגט: „מען האָט באַדאַרפט זיין אַ גאָרקי, כדי זיך צו דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך און נישט דערטרונקען ווערן אין דעם שמוץ, אין דער בלאָטע וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס צאַרישע רוסלאַנד".

דערפון האָב איך פיל דערמוטיקונג געשעפּט. איך האָב זיך געהיטן, אַז כ'זאָל נישט דערטרונקען ווערן אין דער בלאָטע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס סאָוויעטישע רוסלאַנד.

דאָס לעצטע מאָל ווען כ'האָב זיך געטראָפן מיטן לערער ראָטענבערג (צופעליק) איז געווען אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג אין נאָוועמבער, אָדער דעצעמבער 1939 אין ביאַליסטאָק.

לערער און שילער האָבן ווידער געטיילט דעם זעלבן גורל פון זיין עלנט. איך דערמאָן זיך, אַז מיר האָבן אָפּגעגעסן צוזאַמען און ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר דערלאַנגט 50 זלאָטעס (אָדער רובל) איך זאָל נישט הונגערן אין די נאָענטסטע פּאָר טעג.

גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט נאָך דער מלחמה, אַז מיין לערער ראָטענבערג לעבט. איך האָב זיך אַלע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט א טרוים, אַז איך וועל אים נאָך זען נישט איז זען. דערצו איז נישט דערגאַנגען. ער איז אַוועק.

זאָלן מיינע פּאָר ווערטער זיין ווי אַ בוקעט בלומען אויף דעם איינזאַמען קבר אין דעם ווייטן מעקסיקע פון יוסף ראָטענבערג — מיין לערער און דערציער.

כבוד זיין אָנדענק!

האָט דערלאַנגט פיש, וועלכע מיר פוילישע יידן האָבן נישט געקענט עסן, אָדער די ישראלים האָבן זיך פשוט דערקוויקט מיט זיי.

✶

אַ זייגער 3 נאָכמיטאָג האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אויפן אָפּגערעדטן אָרט, פון וואַנען דער אויטאָבוס האָט אונדז געזאָלט צוריקפירן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען פיל אַראַבישע יונגע יינגלעך. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט דאָ פאָר. עפּעס אַן אָנגעלויף אַזוי ווי אויף ביין וווּנדער. ערשט פון א סימפּאַטישן עגיפּטער זענען מיר געוווּיר געוואָרן אין וואָס עס האַנדלט זיך: דער עגיפּטער האָט אָנגעוויזן אויף איינער א פּוילישער פרוי פון אונדזער גרופּע וועלכע האָט געטראָגן אַ קלייד מיט שמאָלע בענדעלעך און עס האָט זיך אַרויסגעזען צו פיל קערפּער. דער טאָג איז טאַקע געווען א הייסער.

אין אַלעקסאַנדריע גייען נאָך פיל פרויען פאַרדעקט די פּנימער מיט טיכער.

✶

דער וועג צוריק איז שוין צוגעגאַנגען נאָרמאַל. פאַרנאַכט האָבן מיר זיך דערנענטערט צום סועץ קאַנאַל. עס האָט נישט לאַנג געדויערט ווי מיר האָבן זיך געפונען אויף דער ישראלדיקער זייט. ווי נאָר מיר זענען אַרויף אויפן ישראלדיקן אויטאָבוס, האָט מען יעדן דערלאַנגט פרישע זעמעלעך מיט וווּרשט. דעם טעם וועט מען שוין לאַנג נישט פאַרגעסן.

ווי נאָר מיר זענען אַדורך די קאָנטראָל דורך די ישראל באַאַמטע האָט מען מאָמענטאַל צעוואָרפן די הילצערנע שטיבלעך פון דער אַרמיניסטראַציע און אָנגעלאָדן זיי אויף גרויסע טראַקס.

דאָס אָרט ווערט איבערגעגעבן די עגיפּטער לויטן שלום אָפּמאַך, דעם זעלבן אָוונט, אַזייגער 10.

פון ווייטן האָט מען געהערט אויפרייסן און מען האָט געזען קאָלומנעס רויך. דאָס האָט מען אָפּגערייניקט די ישראלדיקע שטאָט ימית וועלכע ווערט איבערגעגעבן צו די עגיפּטער.

יעדער פון די רייזנדע האָט זיך געפילט ווי עדות פון דעם היסטאָרישן מאָמענט. דאָס איז געווען א רירנדיקע איבערלעבונג.

ישראל האָט באַצאָלט א טייערן פּרייז פאַרן שלום מיט עגיפּטן.

---

י. וואַרשאַווסקי

# יוסף ראָטענבערג — מיין לערער און דערציער

מיט אַ צייט צוריק איז אָנגעקומען קיין מעלבורן די טרויעריקע ידיעה, אַז אין מעקסיקע איז געשטאָרבן יוסף ראָטענבערג.

יוסף ראָטענבערג איז געווען אַ שרייבער, פּובליציסט, לערער, פּעדאַגאָג — אַ וויכטיקער זייל אין דעם בנין פון דעם יידיש וועלטלעכן שול-וועזן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

זיין קולטור-געזעלשאַפטלעכע און דערציאונגס-אַרבעט האָט ער נאָך דער מלחמה פאָרגעזעצט אין מעקסיקע, וווּ ער איז געווען לערער פון דער דאָרטיקער פּרץ-שול, לערער און פאַרוואַלטער פון דעם יידישן לערער סעמינאַר, רעדאַקטאָר פון דעם בונדישן זשורנאַל „פאָרויס” און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן קולטור-לעבן.

פאַר מיר און פאַר פיל אַנדערע שילער, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען די מיכאַלעוויטש-שול אין וואַרשע איז יוסף ראָטענבערג געווען דער לערער ראָטענבערג.

דער לערער ראָטענבערג איז מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין דער שול-אַרבעט. זיין וווין-צימער אין שול האָט זיך פאַרוואַנדלט פאַר אונדז שילער אין אַן אַרבעטס-וואַרשטאַט, וווּ מיר פלעגן צוגרייטן וואַנט-צייטונגען, שרייבן און איבערשרייבן אַרבעטן פאַר אויסשטעלונגען, צוגרייטן זיך צו פאָרשטעלונגען.

צו דעם לערער ראָטענבערג האָבן מיר אַרויפגעקוקט. אַן ערנסטער, אַ שטרענגער, אָבער מיט פיל זאָרג פאַרן קינד, האָט ער פון אונדז אַ סך געפאָדערט און אַ סך פון זיך געגעבן.

איך האָב דעם לערער ראָטענבערג קיינמאָל נישט געהערט לאַכן אויף א קול. אָבער אויב האָט ער זיך צעשמייכלט, איז די וועלט אונדזערע געווען, זענען מיר גליקלעך געווען.

די שול איז געווען זיין היים, זי איז אָבער אויך געווען אונדזער היים. און צוזאַמען האָבן מיר געטיילט און זיך געוואַרעמט אין דעם היים.

דער לערער ראָטענבערג איז געווען פאַרוואַלטער פון דער שול. ער איז אויך געווען אונדזער קלאַסן דערציער אין די עלטערע קלאַסן. זיינע געשיכטע און ליטעראַטור לעקציעס האָבן אונדז דערהויבן און אינספּירירט צו וועלן וויסן, טראַכטן און שעפּן פון אונדזערע פאָלקס-קוואַלן.

ווען כ׳האָב, ביים פאַרענדיקן די שול, אין נאָמען פון אונדזער קלאַס געזעגנט די שול און לערער, האָב איך צווישן אַנדערן דעמאָלט געזאָגט: „יאָרן וועלן אַוועק און יאָרן וועלן קומען, וואָס ס׳זאָל נישט געשען, וווּ מיר זאָלן זיך נישט געפינען, ביי וואָס פאַר אַ באַדינגונגען ס׳זאָל אונדז נישט אויסקומען צו לעבן — וועלן מיר שטענדיק געדענקען אונדזער שול, וועלן מיר שטענדיק געדענקען אונדזערע לערער. איך האָב דאַן אַליין נישט געאַנט אויף וויפיל מיינע ווערטער זענען ריכטיק געווען, איך האָב דאַן

און נישט געזונט. אפילו נאכן איבערקאכן דאס וואסער וועלכע קומט פון דעם נילוס טייך האט נאך אלץ א מאדנעם געשמאק.

צו פרישטיק האט מען געקראגן פרישע זעמעלעך, אבער זיי האבן אויך געהאט א נישט אנגענעם געשמאק.

אן אוונט־אויספלוג איז ארגאניזירט צו גיין אין איינעם פון די גרעסטע קאבארעטן, ער נעמט אריין א 5־6 הונדערט מענטשן. דער זאל איז געווען פול כאטש דער אריינגאנג איז זיכער נישט צוגענגלעך פארן דורכשניטלעכן עגיפטער — 12 אמעריקאנער דאלאר פאר א מענטש. דאס איז א וואך פארדינסט פון א עגיפטישן פאציענט. די אראבער אין זאל זענען באשטאנען פון רייכע שייכן, גרויסע סוחרים, ערד באזיצער. אין פראגראם א גרויסער ארקעסטער, און בויך־טענצערינס; בארימטע מצרישע זינגערס וועלכע האבן אין זייער געזאנג פיל מאל דערמאנט דאס ווארט סאלעם אליקום — דאס מיינט שלום.

מיר האבן געשמועסט מיט דורכשניטלעכע עגיפטער, און אלע האבן אויסגעדריקט זייער צופרידנקייט מיטן שלום. טייל האבן באמערקט זייער אומצופרידנקייט מיט זייערע אראבישע ברידער פון די אנדערע לענדער, און ספעציעל זענען זיי בייז אויף דער פ. ל. א. דערקלערנדיק, אז פראפארציאנעל האבן זיי די עגיפטער געגעבן די גרעסטע צאל קרבנות אין די מלחמות מיט ישראל, און דאך ווערן זיי באשמוצט פון זייערע אראבישע ברידער. די געשפרעכן זענען פארגעקומען גאנץ פריי און אפן, כאטש זיי האבן געוווסט אז מיר זענען יידן פון אויסטראליע אדער ישראל.

✶

דער וועג צו די פיראמידן פירט איבער עטלעכע בריקן פון בארימטן טייך נילוס. מיר זענען אדורכגעפארן דורך די צענטראלע גאסן, ווו מען זעט שיינע הייזער מיט שיינע געשעפטן, אבער די מערהייט זעען אויס נעבעכדיק.

קאיר איז א גרויסע, פיל מיליאניקע שטאט מיט גרויסע אפענע מערק. דעם טומל און גערודער איז שווער זיך פארשטעלן. ווי נאר מיר זענען ארויסגעפארן פון דער שטאט, האט זיך מאמענטאל געענדערט די לאנדשאפט. לענג אויס דעם וועג ציט זיך א שמאלער קאנאל, אויף דער צווייטער זייט זעט מען הונדערטער בלאטע־הייזלעך פשוט צוזאמענגעקליעפט פון שווארצע בלאטע. דארט וווינען הונדערטער עגיפטישע פאמיליעס. די קינדער, שמוציקע שפילן זיך אין דער בלאטע.

אויפן וועג האבן מיר באזוכט א גרויס הויז ווו מען פארקויפט טעפיכער. די פירערין האט אונדז ארויפגעפירט אויף דעם ערשטן שטאק, דארט האבן מיר געזען א בילד פון קינדער עקספלואטאציע וועלכע האט אויף אלעמען געמאכט א דערדריקנדן איינדרוק. גרופן צו 3־4 קינדער נישט עלטער ווי 8־9 יאר זענען געזעסן, פארלייגט די פיסלעך. מיט די הענטלעך שנעל געשפינט פרעכטיקע טעפיכער. זיי האבן געהאט פאר זיך א מאדעל ווי אזוי דאס דארף אויסזען, פון ווייטן האט אויף זיי געקוקט אן אויפזעער. די קינדער ארבעטן ביז 9 שעה א טאג בלויז פארן עסן.

פון דערווייטנס זעען מיר די פיראמידן. די אויטאבוסן זענען געבליבן שטיין עטלעכע הונדערט מעטער פון די פיראמידן. פון ווייטנס זעען זיי אויס קליין, אבער פון דער נאענט געוואלדיק גרויס.

אונטער א ברענענדיקער זון זענען מיר דורך א גאנץ טיפן זאמד און צוגעקומען צו די פיראמידן. זיי זענען צוזאמענגעשטעלט פון זייער גרויסע פירקאנטיקע שטיינער וועלכע זענען געבראכט געווארן פון גאר ווייט. עס איז שווער צו פארשטיין ווי אזוי מענטשן האבן זיי ארויפגעשלעפט אויף אזא הויך, מיט פרימיטיווע מיטלען.

אין דער געגנט ארום קאיר געפינען זיך 82 פיראנאך די פרהעס און זייערע משפחות.

אין דער געגנט פון די פעראמידן לויפן ארום ווילדע אויסגעדארטע הינט וועלכע זעען אויס ווי די וועלף. זיי זעען אויס זייער הונגעריק. קיינער ווייסט נישט פון וואנען זיי קומען, און פון וואס זיי לעבן. די עגיפטער זאגן אז די הינט לעבן שוין דא צענדליקער יארן. זיי זענען דא אין די הונדערטער.

✶

אויפן דריטן טאג האבן מיר באזוכט די אלטע קאירער שול, וועלכע איז שוין אלט זאגט מען 2000 יאר. דער וועג צו דער שול פירט דורך א לאבירינט פון געדרייטע שמאלע גאסן און געסלעך. ענדלעך זיך דערשלעפט צו דער שול. דאס הארץ האט געקלאפט, ביים אריינגאנג אינעווייניק. דאס אלטקייט האט מען דערפילט מיט דער נאז. עפעס א מיסטעריעזקייט הערשט אין דער שול. די פירערין פון אונדזער גרופע איז געווען א עגיפטערין, צוגעטיילט פון מיניסטעריום פאר טוריסטיק. זי האט גערעדט א פרעכטיקן ענגליש. זי האט אונדז צוגעפירט צו אן ארט אין דער שול, ווו עס איז געשטאנען א צעמענטענער קאסטן פון איין מעטער לאנג און א האלבן מעטער ברייט. אונטן איז א לאך ווו מען זעט ווי עס רינט אדורך וואסער פון טייך נילוס. זי האט דערקלערט, אז אונטער דעם שטיק איז געווען באהאלטן משה רבינו אין קוישעלע, וועלכן פרעהס טאכטער האט געפונען. זי האט אויך דערציילט, אז יעזוס האט זיך א צייט אויסבאהאלטן דא אין די געדרייטע געסעלעך.

אויפן וועג צוריק האבן מיר באזוכט אן ארט ווו מען מאכט פאפירוסן, עס איז געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט צו זען ווי פון א שטיק קארע פון א בוים ווערט אויסגעארבעט פארמעט, וועלכע איז אזוי שטארק ווי לעדער.

אויפן פערטן טאג זענען מיר ארויסגעפארן קיין אלעקסאנדריע די צווייט גרעסטע שטאט פון עגיפטן. נאך 7 שעה פארן האבן מיר דערגרייכט אלעקסאנדריע, דאס איז א גרויסע שיינע שטאט, מיט א סך ביימער. מיר האבן געגעסן מיטאג אין א שיינעם גארטן־רעסטאראן. מען

נ. אַרטענשטיין

# אַ מעלבורנער ייִד אין מצרים

(אַ קורצער באַזוך)

נאָך פיל שעהן פאָרן פון תל־אביב זענען מיר צו־געקומען צו דער ישראל־עגיפּטישער צייטווייליקער גרענעץ.

די גרענעץ איז באַשטאַנען פון אַ הילצערן שטיבל ווו עס זענען געזעסן עטלעכע עגיפּטישע אָפיצירן, וועלכע האָבן פאַרשריבן נעמען פון טוריסטן אַריבערצופאָרן די גרענעץ.

נאָכן אַדורכגיין דאָס שטיבל זענען מיר אַרויף אויף קיינעמס לאַנד און געבליבן זיצן אויפן היסן מדבר זאַמד אונטער אַ ברענענדיקער זון. עס איז נישט געווען ווו זיך צו באַהאַלטן. עס איז אויך נישט געווען קיין וואַסער צום טרינקען. דאָס איז געווען די צייטווייליקע גרענעץ. לויטן אָפּמאַך מיט ישראל האָבן די עגיפּטער זיך געדאַרפט רוקן פאָרויס.

---

געדענקט נישט פרוי פרידמאַן, אַז גאָר נישט לאַנג צוריק, מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר האָבן אין פּוילן געלעבט יידן גאַנצע 3 מיליאָן יידן. אויך נאָכן קריג האָבן זיך נאָך פאַרוואַלגערט אין פּוילן געוויסע רעשטלעך — איז איר נישט איינגעפאַלן צו זוכן סימנים פון יידישן דין אין פּוילן? האָט זי גאָרנישט געהאַט וואָס צו באַמערקן וועגן דער באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו יידן ערב — אין — און נאָכן קריג?

הגם „סאָלידאַרנאָשטש" איז אַ ריין פּוילישער ענין — האָט פרוי פרידמאַן, אין משך פון 6 חדשים גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט? און וואָס איז מכוח דעם סאָוויעטישן איינפלוס אין פּוילן?

זי פאַרגעסט אָבער נישט צו קריטיקירן דעם געוועזענעם פּרעמיער פון אויסטראַליע פרייזער, פאַרוואָס ער האָט באַליידיקט פּוילן, ווען ער האָט מיט איראָניע געשענקט אין מיליאָן דאָלאַר פאַר פּוילנס נויט־באַדערפטיקע, באַמערקנדיק דערביי אַז מער קאָן ער נישט געבן...

פּאָר איינוועגס קריטיקירט גלאַריע פרידמאַן די מערב־לענדער און די פּאַראייניקטע שטאַטן פאַר זייער פיינטלעכער האַנדלונג קעגן פּוילן, דורך איינפירן האַנדלס־סאַנקציעס, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן קעגן יאַרוזעלסקיס רעזשים צוליבן פאַרלעצונג פון מענטשן־רעכט.

פון דעם איז שוין נאַטירלעך געדרונגען דער אידייאישער געדאַנקען־גאַנג פון דער יידישער פרוי פרידמאַן, וועלכע ווידמעט די לעצטע צווי קאַפּיטלעך אין בוך פול מיט סימפּאַטיע פאַרן איצטיקן פּוילישן רעזשים...

נאָך עטלעכע שעה וואַרטן זענען מיר ענדלעך אַרויף אויף די אויטאָבוסן און געפאָרן אין דער ריכטונג צום סועץ קאַנאַל.

לענגאויס דעם קאַנאַל זענען געשטאַנען און געוואַרט הונדערטער לאַסט־אויטאָס, אויטאָבוסן, פּריוואַטע אויטאָס, כדי אַריבערצופאָרן דעם קאַנאַל.

אין שרעקלעכער פינצטערניש (חושך מצרים) צווישן בלויז אַראַבער, זענען מיר געשטאַנען מיט האַרצקלאַפּעניש, און געוואַרט אַז מען זאָל שוין דערלעבן צו זען די בריק.

אַרום 12 בייינאַכט האָט זיך ענדלעך באַוויזן די אַזוי גערופענע בריק צוזאַמענגעשטעלט פון מעטאַלענע פּלאַטן אָן אַ פאַרענטש. די בריק האָט מען געמוזט אַריבערגיין צו פוס. איינער האָט זיך צוגעהאַלטן ביים צווייטן נישט אַריינצופאַלן אין קאַנאַל אַריין.

עפּעס אַ מאָדנע געפיל איז יעדן באַפאַלן. מיר האָבן זיך איצט געפונען צווישן צוויי קאָנטינענטן: אַזיע און אַפריקע.

מיט אויטאָבוסן זענען מיר געפאָרן אין דער ריכטונג פון קאַיר — די הויפּטשטאָט פון עגיפּטן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן עלעקטרישע ליכט פון ביידע זייטן וועג און מיר זענען אַריינגעפאָרן קיין קאַיר, ווען די שטאָט איז געשלאָפן.

אונדזער האָטעל האָט זיך געפונען אין אַ זייטיקן טייל פון דער שטאָט, אַנטקעגן האָט זיך געפונען דער זאָאָלאָגישער גאָרטן. מידע האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט יעדער אין זיין צימער.

אינדערפרי, אַרויסגייענדיק נאָך אַ צייטונג אין דער ענגלישער שפּראַך, האָב איך געהאַט אַן איבעראַשונג. פאַרן האָטעל האָבן זיך אַרומגעדרייט צוויי עגיפּטישע פּאָליציאַנטן, קליינע מענטשעלעך אָנגעטאָן אין שוואַרצע אַלטע מונדירן, מיט נייע רוסישע מאַשין געווער. דאָס האָבן די אַכטונג געגעבן עס זאָלן נישט געשען קיין „אומאַנגענעמלעכקייטן".

אונדזער גאַיד (פירערין) האָט אויסגעזען ווי אַ עכטע עגיפּטערין. זי איז אָבער געווען אַ סאַברע, וועלכע האָט גערעדט אַ פּרעכטיקן אַראַביש נישט ערגער ווי אַ עגיפּטערין.

מיטן ערשטן אויספלוג האָבן מיר באַזוכט דעם אַרכעאָלאָגישן מוזעאום. דאָרט געפינען זיך סטאַטועס און מומיעס וועלכע זענען טויזנטער יאָר אַלט. דער קאַירער אַרכעאָלאָגישער מוזעאום איז איינער פון די גרעסטע אין דער וועלט.

נאָך דער 6 טאָגיקער מלחמה איז דער מוזעאום געוואָרן פאַרמאַכט, צוליבן מאַנגל אין געלט. ערשט נאָכן שליסן דעם שלום אָפּמאַך מיט ישראל און מיט אַמעריקאַנער הילף איז ער צוריק געעפנט געוואָרן, און ציט צו אַ סך באַזוכער פון פאַרשידענע לענדער.

איידער מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון תל־אביב, האָט מען יעדן אָנגעזאָגט מיטצונעמען פלעשער מיט מינעראַל וואַסער ווייל דאָס עגיפּטישע וואַסער איז נישט געשמאַק

# שמואל בענעט

# צוויי נייע ביכער

צוויי ביכער זענען לעצטנס דערשינען אין אויסטראַ־ליע, אין ענגליש — אויף יידישע טעמעס.

דאָס ערשטע איז וועגן יידישן אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן אין אויסטראַליע; דאָס צווייטע — זענען רייזע־איינדרוקן פון אַ יידישער פרוי, וועלכע האָט לעצטנס פאַרבראַכט זעקס מאָנאַטן אין פּוילן.

„עטנישע פּאָליטיק אין אויסטראַליע" איז דער נאָמען פון בוך וועגן יידישן אָנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן פון אויסטראַליע. דער מחבר איז דזשיימס דזשאַפּ.

אין זיין אַנאַליז, ווי יידן אַלס אַן עטנישע גרופּע, זעט נישט דער מחבר, יידן זאָלן זיך צופיל פאַרנעמען, אָדער אַריינמישן אין אויסטראַלישן פּאָליטישן לעבן. זיי לאָזן דאָס איבער פאַר די אויסטראַליער.

זיי פאַרנעמען אָבער וויכטיקע פּאָזיציעס אין האַנדל און אינדוסטריע; אַקאַדעמישע און פּראָפעסיאָנעלע ספערן און רעגירונגס פּאָסטנס. דשאָפּ האַלט, אַז יידן זענען די עליטע פון דער אינדוסטריע געזעלשאַפט און זייער צאָל באַטרעפט 5 פּראָצענט אין די אויבנדערמאָנטע ספערן,

הגם יידן זענען נאָר 0,5 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אין וויכטיקע אַקאַדעמישע, אוניווערסיטעט און הויכע רעגירונגס־פּאָסטנס זענען יידן אָנזעעוודיק און אַקטיוו.

זיי זענען אָבער נישט קיין אַקטיוון אָנטייל אין די אַלגעמיינע פּאָליטישע פּאַרטייען, ווי דאָס איז געווען אין די אייראָפּעאישע לענדער פאַר דער מלחמה.

עס טרעפן זיך פאַלן, ווען יידן ווערן באַשטימט אַלס דעפּוטאַטן אָדער מיניסטאָרן דורך די פּאַרטייען, פאַר וועלכע זיי האָבן געטריי געאַרבעט, אָבער אין אַלגעמיין איז דער יידישער אָנטייל אין אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן נישט קיין גרויסער.

אין דער קורצער געשיכטע פון אויסטראַליע זענען געווען צוויי יידישע גענעראַל־גובערנאַטאָרן; אַ יידישער גענעראַל, וועלכער ווערט באַטראַכט ווי אַ נאַציאָנאַלער העלד.

דער אויספיר פון מחבר איז: יידן אין אויסטראַליע ווילן נישט צופיל זיך אָנשטרענגען און „איינרייסן" מיטן עקזיסטירנדיקן „עסטאַבלישמענט".

זיי האָבן אַנדערע אַמביציעס אין אַנדערע ספערן...

✶

„פּאָלס אַפּאַרט" — דאָס בוך פון דער יידישער פרוי גלאָריאַ פרידמאַן (וואַרשיינלעך איר מיידלשער נאָ־מען) טראָגט אַ צוויי־דייטיקן נאָמען. עס קאָן מיינען אַז: פּאָלאַקן זענען צווישן זיך ווייט — ווי דער צפון־פּאָל מיטן דרום פּאָל; אָדער פּשוט: „צווישן פּאָליאַקן".

די מחברין איז פאַרהייראַט מיט אַ פּאָליאַק אין מעל־בורן, וועלכער האָט באַשלאָסן צו באַזוכן זיין פאַמיליע אין פּוילן.

גלאָריע פרידמאַן האָט זיך פאַרגעשטעלט פּוילן ווי אַ לאַנד פון אָרעמקייט און נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט.

צו איר איבעראַשונג האָט זי זיך איבערצייגט, אַז נישט אַלץ וואָס די „מעדיאַ" גיט איבער, איז תמיד ריכ־טיק. זי האָט געטראָפן מענטשן גוט אָנגעטאָן; קיין עסן פעלט נישט; די גאַסן — פול מיט אויטאָ־פּאַרקער. יעדער פאַרמאָגט אַ קאָלירטע טעלעוויזיע (יעדער???).

זי האָט אויך באַזוכט טוריסטישע אַטראַקציעס ווי וואַרשע — שרייבט פרוי פרידמאַן — איז אינגאַנצן איבערגעבויט ווי אַ מאָדערנע אייראָפּעאישע שטאָט, נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן זי פאַרניכטעט בשעת דער וועלט־מלחמה.

וואָלט די שרייבערין גלאָריע פרידמאַן געגעבן איר אַדאָפּטירט פאַמיליע־נאָמען פון פּוילישן מאַן — וואָלט אַלץ געווען אין אָרדענונג.

פרוי גלאָריע פרידמאַן (ווי אַ דעמאָנסטראַציע?) שטרייכט דווקא אונטער איר יידישע אָפּשטאַמונג. דערי־בער טאָקע — קאָנען מיר אַרויסרוקן געוויסע יידישע טענות צו דעם בוך, וואָס איז אָנגב געשריבן אין אַ פיינעם, פליסיקן ענגליש און איז דערשינען אין מעלבורן.

מיט מן, אָבער אַצינד, האָבן די פאַרגאַנגענע פערציק יאָר אויסגעזען ווי אַ גייסטיקער מדבר...

— אָבער די יידן אין מדבר האָבן דאָך געהאַט אַ ציל — האָט שוין משה לעווי געפירט דעם ויכוח מיט זיך אַליין. אַ פירנדיקע אַקס, אַ ריכטיקע ליניע. זיי האָבן אַפילו געוווּסט, וואָס עס וועט געשען, ווען זיי וועלן אַדורכגיין דעם מדבר.

און אַזוי האָט משה לעווי געלערנט:

בעמוד אַש

20 — און זיי האָבן געצויגן פון סוכות און האָבן גע־רוט אין אתם ביים עק מדבר.

21 — און גאָט איז געגאַנגען זיי פאָרויס, בייטאָג אין אַ זייל פון וואָלקן, זיי צו פירן אויפן וועג, און ביינאַכט אין אַ זייל פון פייער, זיי צו לייכטן; כדי צו קענען גיין בייטאָג און ביינאַכט.

22 — דער זייל פון וואָלקן פלעגט זיך נישט אָפּטאָן ביי טאָג, און דער זייל פון פייער ביינאַכט, פון פאַרן פאָלק...

— — — — — — — — — — — —

ווען משה לעווי האָט אָנגעוווירן דעם מוט נאָכצו־פאָלגן זיין גייסטיקן עמוד אַש — האָט ער — ווי תמיד — געזוכט אים אַ ביקוועם וועג, אין וועלכן עס איז אויך דאָ אַ סך אָרט פאַר איר...

דאָס האָט שוין אָבער באַדייט — משה לעווי׳ס קאַפּי־טולאַציע. ער האָט שלום געמאַכט מיטן גורל — אָבער נישט מיט זיך.

די האָט זיך נערוועז אַרומגעשפּילט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט איר׳ע הענט.

מיט אויגן פון אַ דערוואַקסענעם האָט ער געקוקט אויפן מיידל, און געזען אַ קינד, כאָטש אין זײַן מחשבה האָט זי שוין פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ ווײַב.

— איז ווי זשע רעדט מען מיט אַ קינד וועגן ענינים פון מאַן און ווײַב?

ער האָט גענומען גיין לאַנגזאַמער, זוכנדיק דאָס נויטיקע וואָרט צו זאָגן איר וואָס ער פילט.

די טיר האָט אויפגעמאַכט אַ פרוי. זי איז אים געווען אי פרעמד און אי קענטלעך. ערגעץ ווו האָט ער זי שוין באַגעגנט. אָבער ווו? דאָס וועט ער שוין געוויר ווערן שפּעטער. דערווײַל אָבער קאָן מען דאָך נישט שטיין און קוקן, ווי אַ שטומער. מען מוז דאָך עפּעס זאָגן:

— וווינט דאָ פּערל בריטמאַן? — האָט מאַמע לעוו נישט דרייסט אַ פרעג געטאָן.

— מאַמע לעוו — האָט די פרוי מיט שטוינונג אויסגערופן — פון וואַנען האָט דיך דער רוח אַנגעטראָגן?

די שטים איז געווען די זעלבע, און דער אופן פון אויסדריקן איר איבערראַשונג האָט קיין צווייפל נישט איבערגעלאָזט, אַז דאָס איז פּערל בריטמאַן, דאָס מיידל וואָס האָט אים אַרויסבאַגלייט צום טויער.

אין קעל האָט אים פאַרקלעמט, ער איז נישט געווען בכוח עפּעס צו ענטפערן, אויף אָט דער מאָדנער פראַגע:

— וויס זי דען נישט פון וואַנען ער קומט אצינד?!

ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך.

טרערן פון גערירטקייט האָבן אָנגעפילט די אויגן.

*

דאָס איז געווען מאַמע לעווס נײַער אָנהייב.

ווען מאַמע לעוו טוט אַ קוק, מיטן בליק פון אַ דערפאַרענעם אויף די פערציק יאָר וואָס זענען פאַרבײַ פון יענעם אָנהייב — אויף די קינדער, די אייניקלעך, די וווינונגס־בלאָקן וואָס ער האָט אויפגעשטעלט — טוט ער אַ טראַסט — אַז די פירנדיקע אַקס פון זײַן לעבן איז געווען דער דראַנג צו דערגרייכן רייכטימער.

— און די טרײַב קראַפט פון דער פירנדער אַקס?

מאַמע לעוו איז זיך מודה, אַז דאָס איז געווען פּערל. כאָטש זי האָט עס אים נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען, האָט ער איר קיינמאָל נישט געוואָלט אָנטאָן דעם פאַרגעניגן און עס צוגעבן אין דער סביבה פון פרײַנד.

פּערל האָט אינסטינקטיוו באַנומען ווי מענטשן פירן זיך אײַן בײַעם לאַנד, און וועלכן יחוס מען דאַרף פאַרמאָגן, כדי זיך מיט לײַטן גלײַך. זי האָט באַנומען אַז געלט איז אי יחוס און אי אָנזען, און עס גיט דאָס רעכט צו פּרעטענדירן פאַר אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געזעלשאַפט.

די טעכנישע שול, וואָס איז געווען מאַמע לעווס אָנהייב אין יענע פאַרגאַנגענע יאָרן האָבן אין אים אײַנגעפלאַנצט די נייגונג צו טראַכטן מיט קאָנקרעטע טערמינען (דאָס האָט אים אויך געהאָלפן אין פאַראַנטוואָרטלעכן אין די בוי־פּלענער פון די געביידן וועלכע ער האָט אויפ־געשטעלט) און אויך אידייען, וואָס מאַטעריעלע ווערטן האָבן נישט פאַרנומען דעם אויבנאָן. אין יענע יאָרן, ווען יעדער יונגער מענטש האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אידעאַליסט, זענען מאָראַל און סאָציאַלע גערעכטיקייט און גײַסטיקע ווערטן געווען די מאָסן צו באַשטימען די ווערט פון אַ מענטשן.

די פּראָלעטאַרישע יוגנט חלומות האָבן מער נישט געהאַט קיין האָפן אין זײַן ווירקלעכקייט.

— די זענען טאַקע געווען שיין — זאָגט מאַמע לעוו, אָבער נאַיוו...

ער איז צופיל אַרײַנגעטאָן אין דער רעאַליטעט פון הײַנט, צו קאָנען טאָלערירן די נאַיוויטעט פון זײַן יוגנט.

די רעאַליטעט פון הײַנט האָט פאַרלאַנגט אַנדערע קוואַליטעטן כדי צו ווערן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט. מאַמע לעוו האָט די קוואַליטעטן פאַרמאָגט און די נײַע סביבה האָט עס אַקצעפּטירט.

— פאַרוואָס זענען די בלינד צו דער ווירקלעכקייט?

דאָס האָט מאַמע לעוו געטראַכט וועגן זײַנע פרײַנד וואָס פאַרלאַנגען נאָך אַלץ פון אים, ער זאָל רעספּעקטירן זײַן נעכטן.

ער האָט זיך געפונען אין אַ מין קעסל־גרוב, וווּ פאַרשידענע שטראָמען האָבן אים געצויגן פון איין ריכטונג צו אַ צווייטער און נישט געגעבן קיין רו.

יאָרן האָט מאַמע לעוו געבענקט נאָכן טאָג, ווען ער וועט קאָנען אויספילן זײַנע טעג מיטן בלויז וועלכן אים פעלט — די איבערגעריסענע שול־יאָרן...

ווען דער טאָג איז ענדלעך געקומען, און מאַמע לעווס נישט דערפילטע פאַרלאַנגען האָבן אָנגעהויבן אָננעמען צופרידנשטעלנדיקע פאָרמען — האָט ער מיטאַמאָל חרטה געקראָגן אויפן גאַנצן עסק.

מאַמע לעוו האָט פאַרלוירן די ריכטונג, ווי די פירנדיקע אַקס וואָלט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און איבערגעלאָזט די ברירה צו אים אַליין.

אין אָט דער צעמישונג האָט רעליגיע גענומען אויסזען ווי דער באָדן אויף וועלכן מען קאָן געפינען מנוחה.

מיטן גלויבן, אַז אין דעם אייביקן בוך ווו עס איז פאַרשריבן די געשיכטע און די חכמות, וואָס אַ פאָלק האָט אָנגעזאַמלט אין משך פון יאָרהונדערטער, וועט ער סוף כל סוף געפינען זײַן גײַסטיקע רו; די פאַרענטפערונג פאַר די פראַגן וואָס מאַטערן אים — האָט ער זיך גענומען צום שטודירן דעם תנ״ך.

קיין חדר האָט מאַמע לעוו קיינמאָל נישט באַזוכט, האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט דער יהואש־איבערזעצונג, וואָס ער האָט זיך פאַר דעם צוועק אײַנגעשאַפט.

פאַר אים איז אין תנ״ך אַלץ געווען אַ נײַעס. אומעטום האָט ער געפונען סימנים פון זײַן אייגן לעבן. ער האָט דאָך אויך געאַרבעט עבודת פרך און איז שפּעטער — צוליב אַן אָפּמאַך — אַרויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. פערציק יאָר האָט ער געוואַנדערט אין מדבר. געווים — אויסטראַליע איז פאַר אים געווען אַ גרויסער מדבר פול

זיך דעריבער געשלידערט ארויף און אראָפּ איבער די וואַסערדיקע בערג און אָפּגרונטן.

מאַמע לעוו איז געווען אַ פּאַסאַזשיר אויף אָט דער שיף. עס האָט אים געשלידערט פון וואַנט צו וואַנט. נישט איינמאָל האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן די אײַזערנע שטאַנגען און פאַרוווּנדעט געוואָרן. נישט איינמאָל האָבן אים קאַלטע, זאַלציקע כוואַליעס אָפּגעגאָסן און ער האָט קוים געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן.

זיבעצן יאָר האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן דאָס לעבן. זיי האָבן נישט געצווייפלט, אַז מען קען איבערלעבן; צוריקקומען אַהין, צו דער שטילער גאַס, דעם טויער ביי וועלכן ער האָט איר געזאָגט: — אַ, זײַ געזונט...

צום סוף האָט דאָס לאַנד באַזיגט דעם שונא און מאַמע לעוו האָט געוווּנען זײַן געראַנגל.

דער שטורעם האָט זיך סוף כל סוף אײַנגעשטילט און די שיף איז אַרויסגעשוווּמען אויף שטילע וואַסערן.

דאָ איז עס שוין נישט געווען מער דער זיבעצניאָ־ריקער בחור מאַמע לעוו, נאָר אַ פאַרהאַרטעוועטער דרײַ־אונצוואַנציק יאָריקער מאַן, וואָס האָט אין די עטלעכע יאָר דורכגעמאַכט די האַרבע שול פון לעבן:

געגראָבן קוילן אין דער שאַכטע „קראָפּסקאַיאַ״ אין קיזעל; געאַרבעט ביי דער אײַזנבאַן אין ניזשני טאַגיל; געשלעפּט קלעצער אויפן „ספּלאַוו״ פון דעם טייך קאַמע, וואָס אין אוראַל; מאַרשירט מיט אַ ראָטע זעלנער צום פראָנט און נישט דערגאַנגען, מחמת זײַן מערבדיקן אָפּ־שטאַם; געמוזט קויפן אַ לינקן „שמו״ — איז פון מאַמע לעוו געוואָרן איסאַק קאַצאַוויטש, דער פּוילישער בירגער באַפרייט פון דורכגאַנגס־פּונקט וואָרקוטאַ, לויטן פּאַ־ראַגראַף...

דאָס ענדערן דעם נאָמען איז נישט געווען קיין קאַפּ־ריז אויף וועלכן מאַמע לעוו האָט זיך אָנגעטראָפן אויף זײַן ווײַטערדיקן לעבנס־וועג, ווי אַ ווילן איבערצורײַסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט.

מאַמע לעוו האָט קיינמאָל נישט אונטערשאַצט די מש־פּחה־ווערטן, מיט וועלכע ער האָט זיך אַבסאָלוט נישט געהאַט וואָס צו שעמען. אָבער נאָך דער מעשה קראַסנאָדאַר און דעם „סטרוי־באַט״ — די מאָביליזירטע אַרבעטס־באַטאַליאָנען — פון וועלכע אַ לייטישער מענטש האָט זיך באַמיט צו ווײַכן, אויב ס׳לעבן האָט נאָך געהאַט בײַ אים אַ ווערט, איז דער נאָמען מאַמע לעוו שוין נישט געשטאַנען אין גרויסן יחוס בײַ דעם „קאָמיטעט פאַר אינערלעכער זיכערקייט״ וועלכער איז נאָך אַלעמען געווען דער באַלעבאָס פון לאַנד.

דאָס טוישן דעם נאָמען לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס מאַמע לעוו האָט געוואָלט אַרויסגיין פון דער פּאַסט־קע, וואָס האָט אים געמוזט אַרײַנכאַפּן...

נאָך די דערפאַרונגען איז איסאַק קאַצאַוויטש געוואָרן אַ לייטישער בירגער באַשעפטיקט בײַם בויען דעם „פאַר־כאַד סטרוי״, ווי אַ דעלעגירטער אַרבעטער פון „עלעקטראָ טראַסט״.

אַ מענטש האָט אין יענע טעג געמוזט האָבן אַ סטאַ־בילן וווין־אָרט, אַן אַדרעס; געהערן צום פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן; אַ געוויסן דאָקומענט וואָס זאָל באַרעכטיקן זײַן צוריקקערן זיך קיין פּוילן...

און פּוילן איז פאַר מאַמע לעוו געווען דאָס מיידל, וועמענס אָפּבליק האָט זיך פאַרקריצט אין זײַן זכרון.

די מיטגעמאַכטע יאָרן וואָלטן אויסגעפילט צענטליקער שורות אין אַן אויטאָביאָגראַפיע — ווען לעוו וואָלט געהאַט בדעה אַזאַ צו שרײַבן. געשריבן אויטאָביאָגראַפיעס יעדעס מאָל, ווען ער האָט געזוכט אַן אַרבעטס־אָרט אין רוסלאַנד — דאַרף מען פאַרשטיין — האָט שוין מאַמע לעוו געהאַט אַ געהעריקע דערפאַרונג, בעיקר אין דעם — וואָס מען דאַרף געדענקען צו אַרויסלאָזן...

*

עס איז שוין אויסגעקומען, אַז אין מאַמע לעווס לעבן — צו באַצייכענען עס אין טעכנאָלאָגישע טערמינען — איז תמיד געווען אַ פירנדיקע אַקס. בײַ דעם אַלעם אָבער איז זײַן לעבן נישט געוואָרן אַנטוויקלט לויט שטרענגע טעכ־נאָלאָגישע אויסרעכענונגען.

אין יענעם נאָך מלחמהדיקן יאָר, ווען די עשאַלאָנען האָבן צוריקגעפירט די ייִדישע פּליטים מיט זייער האָב און גוטס, און מיט זייערע האָפענונגען וואָס זײַנען געווען דער פּראָדוקט פון זייער בענקשאַפט נאָך דער פאַרלאָזע־נער היים —

איז פון צוג אַראָפּגעשפּרונגען אַ דאַרער הויכער בחור אין אַן אויסגעוואַקסן רעקל, אין אַ ביסל צו ענגע הויזן, מיט אַ שניפּס וואָס האָט געדאַט אין זיך שוין צופיל קנייטשן פון די אַלע קערפּער וועלכע מען האָט אין אים במשך פון יאָרן אָנרחמנותדיק אויסגעבונדן. אָבער פאַרט — אַ שטיקל אָנבליק פון עלעגאַנץ האָט ער נאָך באַוויזן אויפצוהאַלטן.

זײַנע שיך זײַנען געווען שטיוויק־גרוי, כאָטש דער בחור האָט זיך באַמיט זיי אָפּצופּוצן, נאָר מחמת אַלטקייט האָבן זיי פאַרלוירן דעם ווילן, אָדער די פעיִקייט צו גלאַנצן.

דאָס אַלץ האָט ער צונויפגעשטעלט נאָך וואָכן בישטערן זיך פאַר איר.

אין ראַנצל האָט דער דרײַאונצוואַנציקיאָריקער בחור געפירט דעם טרוים פון זיבעצניאָריקן.

מיט זיכערע טריט האָט ער זיך געלאָזט צו דעם אַד־רעס, ווו זי האָט אויף אים געוואַרט. אַזוי פיל האָט ער שוין געוווּסט:

— זי האָט איבערגעלעבט, און זי וואַרט...

פאַר די אויגן האָט ער תמיד געהאַט דאָס זעלבע בילד: אַ ווײַס זומער קליידל, באַשפּרענקלט מיט גרינע אַרבעס־נומען אויסגענייט; די האַלב־נאַקעטע הענט זײַנען געווען ווײַכע, פולע, רונדיקע. אויפן האַלדז — ברעשטיינענע קרעלן מיט וועלכע

מאַרק בעזובני

# בעמוד אֵש

— דערציילונג —

די גראָדע ליניע פון מאַמע לעוו׳ס לעבן האָט זיך איבערגעבראָכן אין יענעם גורלהאַפטן האַרבסט פון ניינאונדרייסיקסטן יאָר.

ער האָט זיך דאַן געפונען אין סאַמע פינטעלע, אין האַרץ פון ווירלווינט, וואָס האָט זיך ערשט גענומען פאַנאַנדערדרייקלען מיטן אַנטואַקסנדיקן אימפעט פון אַ וויגע, וואָס האָט אַראָפגעריסן הייזער; פאַרוויסט פעלדער; אונטערגעגראָבן איינגעפונדעוועטע, הונדערטיאָריקע דעמבעס.

מאַמע לעוו האָט כמעט נישט געפילט דעם צי, מיט וועלכן דער ווירלווינט האָט אים אָפגעריסן פון היימישן באָדן.

ער האָט זיך געלאָזט טראָגן פון ווינטיקן אימפעט, וואָס האָט צונויפגעיאָגט מחנות יונגע מענטשן — ווי ער יאָגט געוויינטלעך צונויף האַרבסטיק־פאַרגעלטע בלעטער, און זיי פאַרטראָגן העט, העט ווייט איבער גרענעצן צו פרעמדע, אומבאַקאַנטע און גלייכגילטיקע, פראָסטיקע מקומות.

דעם ווירלווינט האָט נישט געאַרט די גרענעצן וואָס מענטשן האָבן אויפגעשטעלט צווישן לענדער — ווייל פריער שוין האָט ער דאָך אַליין די גרענעצן אָפגעווישט.

דער פחד פאַרן אייזיקן גלאַצער וואָס האָט זיך גערוקט אויף זייערע שטעט און היימען, האָט געטריבן דער מענטשן־כוואַליע. דאָס זענען געווען יידן.

די יידן האָבן זיך באַמיט אַריינצובאַקומען אויף אַ שטח, אויף וועלכן זיי וועלן זיין באַשיצט פון דער וועלט־זאַוויערוכע, וועלכע האָט זיך קודם פאַרנומען אויף זייער לייב און לעבן.

אין יענע טעג האָבן די אַנטלויפנדיקע יידן אויסגעזען ווי צעשראָקענע חיות, וואָס לויפן אין פאַניק פון ברענענדיקע וועלדער. זיי האָבן געזוכט אַ היטל זיך צו באַהאַלטן. אַ וואַסער זיך אונטערצוטרונקען; אַ שוץ־אָרט — איבערצולעבן די בראַנד.

אָבער דאָס זענען נישט געווען קיין פלאַמען פון ברענענדיקע וועלדער. די וועלדער זענען געשטאַנען אין דערוואַרטונג פון ווינטער. דער האַרבסט האָט ערשט אַרויפגעצויגן אַ קופער־רויטן קאָליר אויף די בלעטער.

דאָס זענען געווען בראַנדן פון מענטשלעכער רשעות און בלוט־דאָרשטיקייט, וואָס האָט געיאָגט די יידן.

די פליטים האָבן זיך גיכער געפילט ווי פרידלעכע באַשעפענישן, וועמענס וווין־שטח און גרינע פאַשע עס האָבן פלוצלינג באַפאַלן צעיושעטע יעגער און גענומען הפקרדיק שיסן פון אַלע זייטן.

די חיות זענען זיך צעלאָפן אָן אַן אָרדענונג און אָן אַ ציל. געטראָגן פון לעבנס אינסטינקט — האָבן זיי געזוכט אַ רויִק אָרט, ווו די קוילן פון די יעגער זאָלן זיי נישט דערגרייכן.

אין זייער זכרון האָבן זיך פאַרקריצט סימנים, לויט וועלכע זיי וועלן זיך צוריקקערן שפעטער — ווען די סכנה וועט פאַרביי.

אין זייער פאַניק־געלויף האָבן זיי מיטגענומען די בענקשאַפט צו דער גרינער אַרומרינגלונג, דעם שטילן וואַלד און די משפחהדיקע צונויפלעבונג. זיי האָבן ווייטער געוואָלט אַנגיין מיטן לעבן אין די היימישע ערטער — אַ לעבן וואָס איז מיטאַמאָל צעשטערט געוואָרן.

ווי אַזוי האָט דער זיבעצניאָריקער מאַמע לעוו דאָס אַלץ געקאָנט באַנעמען?

נאָך דעם, ווי ער איז דורך דעם שטורעם פאַרטראָגן געוואָרן צו אַן אָרט, ווו זיין כוח האָט זיך אויסגעלאָזט — דאַן האָט זיך מאַמע לעוו געכאַפט אַז אים און זיין היים, זיין משפחה טיילט פאַנאַנדער נישט סתם אַ האַלבע וועלט — וועדליק דעם שטח — נאָר אַ האַלבע וועלט מיט פאַרצוימונגען, גרענעצן וועלכע זענען אין צווישן צייט אויפגעקומען.

מאַמע לעוו האָט באַנומען אַז דער זעלבער שטורעם וואָס האָט אָפגעווישט גרענעצן — האָט אויך באַוויזן אויפצושטעלן נייע; אַז פון בידע זייטן גרענעץ געפינען זיך באַוואָפנטע מחנות וועלכע האַלטן אין איין שלייפן די שווערדן, כדי זיך קעגנזייטיק צו צעפליישן.

ווי אַזוי האָט דער זיבעצניאָריקער מאַמע לעוו דאָס אַלץ געקאָנט פאַרויסזען?

ווען ער איז שטיק געבליבן מיט בידע פיס אויף דער קאַלטער סיבירער ערד, אין אַ שטאָט פאַרוואָרפן צווישן טייגעס — האָט ער דערשפירט דאָס, וואָס יעדעס בעל־חי דערשפירט:

— אַ ווילן צום לעבן.

זיינע זיבעצן יאָר האָבן זיך געקלאַמערט אין לעבן, ווי אַ בלינד, נאָר וואָס געבוירן חיהלע רייסט זיך צו דער מוטערס אייטער, כאָטש די מאָגערע אייטער האָט נישט געהאַט גענוג נאָפלען פאַר די אַלע קריכנדיקע, נאַסע און בלינדע באַשעפענישן, וואָס זענען נאָר וואָס אַרויסגעקראָכן פון איר איינגעווייד.

צו זיינע זיבעצן יאָר האָט ער זיך שוין געהאַט איינגעשאַפט אַ סכום בילדונג, אַ ביסל לעבנס־דערפאַרונג פון אַ יונגן מענטשן וואָס האָט שוין באַלד באַהערשט אַ פאַך. מיט אַט די מכשירים האָט ער זיך באַמיט איינקלאַמערן אין לעבן מיטן ווילן — איבערצולעבן. געוואָרעמט דעם ווילן האָט דער פונק פון בענקשאַפט נאָכן מיידל, מיט וועלכן ער האָט זיך געזעגנט אין טויער.

דאָס כאַאָטישע לעבן אין רוסלאַנד, אַרומגעכאַפט מיטן מלחמה־פיבער, איז געווען ווי אַ שיף אויפן צעשטורעמטן אָקעאַן.

עס האָט זיך געראַנגלט מיט די שוימיקע כוואַליעס וועלכע האָבן די שיף געשלעפט צום אָפגרונט. געבויט אָבער לויט די כללים פון שיף־בוי, האָט די שיף נישט געוואָלט זינקען כל זמן עס איז נישט באַשעדיקט. זי האָט

מלך ראַדזינער

# מענטש און וועלט

שוואַרץ רויט זע איך דיך מענטש,
אין דיין פּיין, אין דיין נויט.
גענוג דער טרויער, אין פינצטערניש זיין באַשאַף.
מענטש און נשמה, אין דיר איז דאָס ליכט!
באַשאַף פון באַשאַף, צו דיר מיין רוף!
גרייף צו די טיפענישן פון דיין זיין,
און פאַרשטעלט זיין אָפּגעטאָענע שטראָף!

אויף שווייגנדיקע טרערן,
אין די געהיימע אייביקייטן,
גרייכן צו די העכסטע הייכן,
פון די געאייביקטע אַלרוימען,
אַלץ אַרום אונדז איז נאָר פאַר אַ ווייל,
אויך געהיים זענען די ציפערן וואָס איך צייל.
אין יעדן אָפּשפּאַלט, פון איין רגע שינוי,
ווערן וועלטן געבוירן,
אויך פאַרלוירן צום פאַרשטיין.

נאָך זענען פאַראַן בערג און טאָלן,
ימים, טיפע אייביקייטן —
אונטער די שפּאַלטן,
נאָך אומציילבאַרע געשטאַלטן — מיט זייער לעבן,
און וווּנדערלעך שפּראָצט דער בוים,
אין זיין וואָרצל וואָס איז פאַראַנקערט,
פון דער טיפעניש פון דעם ערדישן געהיים.

נעסטן פון אַלע וועלטן,
אומענדלעך אייער זיין
נעכטן אויך היינט, כ'דאַנק דעם טאָג, אויך די נאַכט.
פון פינצטער, ביז ליכט איז נאָענט — אויך ווייט אומעטום.
אין די פאַרבאָרגנסטע מידבריות,
שפּאַלטן דורך די שטראַלן פון זונען שיין.

כ'האָב נישט פאַרלוירן מיין גלויבן!
געפונען די נעסטן אין מענטש און וועלט!
פאַר יעדנס לעבן די צייט אַ געשאַנק,
דאָ זיין איז נאָר אַ בליק,
כ'גלויב אין דעם לעבן — ביז מיין צוריק...

אין די קוואַלן פון מים חיים,
מלכות יונים מיט אַהבה האדרה, —
דער קרוין פונעם באַשאַף,
נגינה האָב איך זיך פאַרטראַכט?
צו מדרגה פון גלייבן, כ'האָב זיך דערהויבן!
שיר־השירים האָט מיך אויפגעוואַכט!

זינגען וועלן טרערן, אונטער די אייביקע פעלדון פאַרבאָרגן
כ'האָב געפונען דעם קערן: באַשאַפונג, מענטש!
און אַלץ וואָס לעבט, אַרום די געהיימע וועלטן.

י. מ. לעווין

# איך בין אַ ייד—אַ קאָסמאָפּאָליט

גראַזשדאַנין אַנטיסעמיט,
דיינע ליפּן בלעזלען זיך מיט גרויסקייט גאַווער:
דו ביסט מיר נישט קיין חבר!
קיין ליבע ביי דיר פאַראַנען
פאַר דער רוסישער מאַמען...
ביסטו אַ יעוורעי
אַ קאָסמאָפּאָליט!

דער טיוול, הער איך לאַכט —
אומעטום, אין יעדן לאַנד
ביסטו אין מיטן,
אומעטום פאַראַן דיין האַנט...
דער גראַזשדאַנין איז דאָך גערעכט —
און אַ יונגער אַנטיסעמיט,
קוים פון מאַמעס טראַכט,
טאַנצט אַריין אין מיטן,
מיט פאַרקרימטע ליפּן:
זשיד... קאָסמאָפּאָליט!...

האָב איך דעם טיוול און דעם גראַזשדאַנין
געענטפערט אַזוי:
גערעכט —
איבער גאָר דער וועלט,
איבער לאַנד און ים,
נאָענט און ווייט
איז מיין ייִדיש בלוט צעשפּרייט...

אין דער מכפלה
רוט מיין אור־זיידע אברהם,
דער ערשטער ישראלי,
מיין טאַטע אברהם
טויטע חלומות
און מיין זיידע ישראל שפּינען בשכנות
אויפן געגנשער בית עולם,
פון אַ ייִדישן אַמאָל.
מיין מאַמע שרה,
די גוטע פרומע מאַמע,
ליגט אַן איינזאַמע,
אונטער קאַלטע שנייען
אַנשטאָט מיט תכריכים לויטן דין,
אין דער טייגע, ווו בייזע ווינטן ווייען.
איר איניקל, אברהמעלע,
אַן עופעלע,
אונטער אַ בערגעלע פון שטעכיקן בוריאַן
ציילט די נישט אויסגעלעבטע יאָרן
אויך דאָ,
אויפן פינפטן קאָנטינענט,
האָב איך אויך שוין כורת ברית געווען
מיט היגער ערד.
זאָג איך:
גערעכט, אַנטיסעמיט —
איך בין אַ קאָסמאָפּאָליט —
אַ סימן —
איבער גאָר דער וועלט
איז צעשפּרייט
מיין ייִדיש
בלוט.

סאַטירע „די כמאַרעס", ווו ער שטעלט פאַר סאָקראַטעסן ווי דעם הויפּט־פירער פון א ראַציאָנאַליסטישער באַוועגונג, אַנשטאָט דער טראַדיציאָנעלער רעליגיע. דער וואָרף אַנטהאַלט אויך די באַשולדיקונג, אַז סאָקראַטעס איז אויך אַ סאָפיסט. גאַנץ שפּעטער האָט פלאַטאָ פעסטגעשטעלט, אַז סאָקראַטעס איז קיינמאָל נישט געווען קיין נאַטור־פאָרשער און נישט קיין סאָפיסט, און זיך נישט באַמיט צו באַאיינפלוסן דער יוגנט.

לויט די מנהגים פון יענער צייט — האָט סאָקראַטעס אויסגעטרונקען דעם כוס מיט סם, און שטאַרבט.

סאָקראַטעס האָט פאַרענדיקט זיין לעבן נישט טרויעריק, ווייל ער האָט געגלויבט אַז די געטער ווילן אים נישט טאָן קיין שלעכטס, די געטער וועלכע ער האָט געדינט זיין גאַנץ לעבן וועלן זיין די וויטערדיקע פריינד אין דעם קומענדיקן פעריאָד פון זיין עקזיסטענץ. אין דער צוקונפטיקער וועלט וועט ער האָבן די מעגלעכקייט און דעם פאַרגעניגן צו שמועסן מיט גרויסע מענטשן, אַזוי ווי ער האָט פאַרבראַכט מיט די מענטשן אין אַטען, זיין גאַנץ לעבן.

★

ס'איז צו באַוווּנדערן, פאַרוואָס מען האָט אים געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שלעכטער אויפפירונג פון דער יוגנט. סאָקראַטעס האָט געהאַט א שטרענגע קאָנטראָל איבער זיינע טאוונגען. ער האָט נישט געזוכט קיין געלט און נישט געטאָן קיין זאַך, וואָס זאָלן אים אַריינברענגען געלט. ער האָט געלערנט מענטשן צו רעספּעקטירן ערע. ער האָט געגעבן דער יוגנט דעם גלויבן, אַז דורך זעלבסט־דיסציפּלין קאָנען מענטשן דערגרייכן די מדרגה פון זיין גוט. ער האָט געבראַכט קרבנות צו די געטער. ער האָט געלערנט, אַז וואָס מער א מענטש איז רעליגיעז, אַלץ מער איז גאָט צופרידן מיט זיינע מתנות „לייג אַוועק דעם ווילן צו עסן — ווען דו ביסט נישט הונגעריק. הער אויף צו טרינקען — ווען דו ביסט נישט דורשטיק, אַנדערש וועסטו רואינירן דיין אינטעלעקט".

שטעלט זיך די פראַגע: פאַרוואָס האָט סאָקראַטעס געמוזט ווערן דער ערשטער קרבן פון דעמאָקראַטיע? פאַר וואָס האָט זיך אַניטוס, מיט זיין אויטאָריטעט אונטערגענומען צו באַשולדיקן סאָקראַטעסן, און נישט אויך אַנדערע פילאָסאָפן? האָט סאָקראַטעס נישט גענוצט דאָס וואָרט גערעכטיקייט?

דער ענטפער איז קלאָר: ער האָט גענוצט דאָס וואָרט גערעכטיקייט, נאָר דאָס וואָרט אַליין האָט געהאַט אַן אַנדער באַדייטונג פאַר אים דעמאָלט, און פאַר אונדז איצט.

דער באַגריף רו, האָט געמיינט פאַר סאָקראַטעסן — נישט מאַכן קיין ענדערונגען. ער האָט געמיינט צו זאָגן: דערלאָז נישט קיין פאָליטישע ענדערונגען. קיין פאָליטישע ענדערונג איז נישט גוט — רו איז גוט. צוריק צו דער נאַטור; צוריק צום וועג, ווי אונדזערע עלטערן האָבן זיך געפירט; צוריק צום פרימיטיוון פאָליטישן מעטאָד פון פירן א מלוכה. די נאַטירלעכע קלאַסן־אָנפירערשאַפט פון אַ קליינער מינדערהייט איבער דער מאַסע. די אידענטיפיקאַציע פון גורל פון דער מלוכה מיט דעם מאַנאַפּאָל פון מיליטאַריזם.

די גרופּע וואָס פירט אָן מיט דער מלוכה מוז האָבן אַ קאָנטראָל איבער אַלע אַקטיוויטעטן פון די אַלע, וועלכע געהערן צו דעם קלאַס. די מלוכה מוז האָבן די מאַטעריעלע מיטלען צו עקזיסטירן, אויב נישט וועלן זיי זיין אָפּהענגיק פון די בעל־מלאכות. אויב זיי וועלן נישט זיין באַזאָרגט פון די בעלי־מלאכות, וועלן זיי אַליין מוזן ווערן בעל־מלאכות.

וואָס ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן איז, אַז אַזוי ווייט ווי מיר איז באַקאַנט, האָב איך נישט באַמערקט קיין איין אָרט ווו שקלאַפעריי זאָל ווערן קריטיקירט, אָדער עמיצער זאָל פּראָטעסטירן קעגן דעם.

דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז סאָקראַטעס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעמאָקראַטיע.

יעקב ראָזענבערג

# חלומות...

מיך רופט אין דער שטילקייט א ניגון,
פון ווייטע, ווייטע מקומות,
ווו ליבע געקושט האָט די טרערן,
פון זיסע פאַרשפּילטע חלומות.

אָ, חלומות מיינע חלומות,
איר ווייסע אומשולדיקע טויבן,
ווי ווייך איז געווען דער פלאַטער,
פון אַ חלום אין ליכטיקן גלויבן.

ווי ווייך איז געווען דער פלאַטער,
פון פלי אין בלויען שימער,
מיט חלום געבליט האָט אַ לאַנדשאַפט,
מיט חלום פון אייביקן זומער...

אַוועק איז דער זומער, פאַרשוווּנדן,
אויף איינגעהויקערטע טעג,
טעג ווי אַלטע זקנים,
וואָס האָבן פאַרלוירן דעם וועג...

טעג ווי אַלטע זקנים,
וואָס אונטער אַ באַרג פון יאָרן,
טראָגן באַהאַלטן אַ יום־טוב,
מיט אַ זון פון אַ העלן זכרון,

רופט מיך אין שטילקייט דער ניגון,
פון ווייטע ווייטע מקומות,
ווו ליבע קושט אוים די טרערן,
פון מיינע פאַרשפּילטע חלומות...

גוט איז דאָס, וואָס עס ברענגט גליק און באַפרידיקונג דעם מענטשן. ערלעכקייט אַליין איז שוין אַ פאָרם פון וויסן. אומגערעכט לידן איז פיל בעסער און גרינגער, איידער אומגערעכט זיך וואַרפן אויף אַן אַנדער מענטשן. דאָס גליק וואָס אַ מענטש זוכט איז פאַראַן אין זיינע גוטע מעשים, און דאָס אַליין איז פאַר זיך גליק. די מעשים דאַרפן נישט ברענגען גליק — די האַנדלונג גופא איז אַליין דאָס גליק.

ס'איז קיין ספק נישט, אַז סאָקראַטעס דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס דער וויכטיקסטער און אַממערסטן אָריגינעלער פילאָסאָף פון גריכנלאַנד. זיין אומאָפּהענגיקייט האָט ער באַשיימפּערלעך באַוויזן דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ פּאָליטישער קאַריערע.

עס איז דאַן געווען אַ נאַטירלעכע זאַך פאַר איינעם, וועלכער איז געשטאַנען פיל העכער גייסטיק פון זיינע חברים און באַקאַנטע, אַז ער זאָל זוכן אַ פירנדע ראָל אין דער פּאָליטישער אָנפירערשאַפט פון גריכנלאַנד.

סאָקראַטעס האָט פאַר זיך אויסגעקליבן אַ גאַנץ אַנדערן וועג. ער האָט געפילט, אַז אין דיספּוטן מיט אַנדערע מענטשן, וועט ער דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן, און דאָס וועט העלפן מער מענטשן צו ווערן געטרייערע בירגער פון גריכנלאַנד.

סאָקראַטעס האָט געמיינט דערמיט צו זאָגן:

יעדער מיט אַ קלאָרן בליק פאַרשטייט, אַז דאָס וואָס ער טוט ווירקט זיך אויס אויף זיין כאַראַקטער, זיין לעבן. אין געוויסע באַדינגונגען קען זיין האַנדלונג אָננעמען שלעכטע און אומגעווונטשענע פאָרמען. אויב ער וויל וויסן, צי זיינע האַנדלונגען זענען ריכטיקע, מוז ער אַליין זיין איבערצייגט אין זייער ריכטיקייט און נישט בויען זיין מיינונג אויפן סמך פון מיינונגען, וועלכע קומען מערסטנטייל פון אַנדערע.

סאָקראַטעס האָט געעפנט די אויגן פון מענטשן דורך אויפקלערן, אַז גלויבן אין דער ריכטיקייט פון עפּעס, מוז מען זיך אַליין קודם איבערצייגן. זוכן און אויסגעפינען דעם אמת מוז מען אַליין. מען מוז אויך אויסגעפינען די פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט פעסטשטעלן דעם אמת. דע את עצמך — קען זיך אַליין, און קען אַנדערע.

✡

סאָקראַטעס איז געבוירן געוואָרן אין אַטען, אַרום דעם יאָר 970 פ"ק. זיין פאָטער איז געווען א סקולפּטאָר. סאָקראַטעס האָט אויפגעגעבן די אַרבעט פון א סקולפּטאָר, און דערמיט — יעדע האָפענונג פון פאַרדינען געלט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט נישט מאַטעריעלע זאַכן. זיין ווייב איז געווען קסאַנטיפּע. זי איז באַרימט געוואָרן צוליב איר טעמפּעראַמענטפולן כאַראַקטער און איר שאַרפער צונג. זי איז אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווי אַ סימבאָל פון אַ ווייב אַן ארורה.

אין פינפטן י. ה. פ"ק איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישן די גריכן און פּערסיער. די גריכן האָבן געוווינט אַרום די ברעגעס פון גריכנלאַנד אין קליינע און פרייע ישובים, געאָגראַפיש איזאָלירטע. די פּערסיער זענען געקומען פון אָריענט און זיינען געווען די פאָרשטייער פון אַ צענטראַלער מאַכט און אַ געאייניקטער מלוכה.

די גריכן זענען געווען אינטעליגענט. זיי האָבן געוואָלט האָבן זייער אייגענע מלוכה, זייער אייגענע קאָנסטיטוציע, זיי זאָלן קאָנען לעבן לויט זייער ווילן ווי אינדיווידואַלן און ווי אַ פאַראייניקט פאָלק. די מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט א נצחון פון די גריכן און אַטען איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. כדי צו זיין זיכער מיט דעם זיג איבער די פּערסיער, כדי זיי זאָלן נישט אָנהויבן נאָך אַמאָל די מלחמה, האָבן די אַטענער אָרגאַניזירט אַ פּלאַט וועלכער האָט געהערט צו אַלע גריכן, נאָר אַטען איז געווען דער אָנפירער פונעם פלאָט און ער איז געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון אַטען. די דאָזיקע לאַגע האָט גורם געווען אַן אומצופרידנקייט פון אַ סך גריכן, מערסנטייל פון ספּאַרטאַ. אַלציביאַדעס, וועלכער איז געווען דער אָנפירער פון די אַטענער האָט איבערגענומען די מאַכט. אָבער נאָך אַ קורצער צייט האָט ער פאַרלוירן זיין שטעלע. ספּאַרטאַ האָט איינגעפירט אַ רעגירונג פון דרייסיק טיראַנען. קורץ נאָך דעם האָבן די דעמאָקראַטן צוריקגעוווּנען די מאַכט און האָבן אָנגעהויבן צו רייניקן אַטען פון די דאָזיקע וועלכע האָבן גורם געווען צו לאָזן רעגירן די דרייסיק טיראַנען.

אין אַטען איז מען נישט געווען צופרידן, און מען האָט געקוקט קרום אויף סאָקראַטעסעס פירונגען. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז מיט זיינע מיינונגען פירט ער אַראָפּ די יוגנט פון דרך־הישר. מען האָט פאַרפירט קעגן סאָקראַטעסן אַ פּראָצעס. מעלעטוס און אניטוס זענען געווען די פירער פון דער אויספאָרשונג.

אַניטוסעס זון איז געווען אַן איבערצייגטער דעמאָקראַט און געהאַט פאַרבינדונגען מיט סאָקראַטעסן, צו וועמענס געזעלשאַפט ער איז געווען צוגעצויגן.

אניטוס האָט אַלץ געטאָן, כדי זיין זון זאָל איבעררייסן מיט סאָקראַטעסן. אין רעזולטאַט פון דעם דרוק, איז דער זון געוואָרן א שיכור.

אויפן פּראָצעס קעגן סאָקראַטעסן האָט מען אים געמאַכט פאָלגנדע פאָרוואורפן: ער דעמאָראַליזירט די יוגנט; אין נישט דינען ווי געהעריק די גריכישע געטער.

די זשורי האָט אים פאַרמשפּט צום טויט.

סאָקראַטעס איז נישט פאַראינטערעסירט אין זיין אייגן לעבן, און ווערט נישט דערשראָקן פאַרן טויט־אורטייל.

קריטאָ וויל איבערצייגן סאָקראַטעסן, ער זאָל אַנטלויפן פון תפיסה אַזוי לאַנג ווי ס'איז נאָך דאָ צייט. אָבער סאָקראַטעס וואַרפט אָפּ דעם פּראָיעקט, ווייל אויב ער וועט אַנטלויפן פון גריכנלאַנד, וועט עס זיין א בושה פאַר אים. עס איז אויך קעגן געזעץ פון לאַנד. ער מוז קומען אויף יענער וועלט, אין דער צוקונפטיקער אַטמאָספערע מיט אַ קלאָר געוויסן אַז גאָטס באַפעל מוז אויסגעהערט ווערן.

דער סאַטיריקער אַריסטאָפאַנעס האָט אָנגעשריבן אַ

דאָבקע אַפּעלאָוויטש

# אַ געזאַנג אַזאַ

געווידמעט דעם ליכטיקן אָנדענק
**פון פייגעלע מאַקאָטאָוו**

ס'האָט אַ מאָל דער בין־השמשות זיך בסוד באַקלאָגט,
פאַר אַ מילדן, שטיפערישן ווינט,
אַז דער באַשעפער, קוקט זיך צו וואָס ער פאַרטראָגט
און ענטפערט קיינמאָל נישט פאַר וועלכע זינד.

„איך — דער וועבער צווישן טאָג און נאַכט,
לעב קוים אַן אויגנבליק און מוז פאַרגיין,
מיט אַ סך פּאַראַיבל און אייביקן פאַרדראָס,
פאַרן צוטיילן מיר בלויז, אַזאַ מין קורצן זיין.״

דאָס זומער־ווינטל כאַפּט אויף די טענה,
שלייערט איין זי אין די פאַלדן ווי אַ ריטער;
אַ שושקע דעם און יענעם, מיט די טיולן זיינע,
אַ פאָך, אַ גלעט, אַ ריזל, היידא וויטער...

ער שוועבט און שלענגלט זיך, דורך צוויגן שלאַנקע;
שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע צו באַוואונדערן דעם וואונדער
פאַרטאָג — — ער הודזשעט זאָרגלאָז אויף אַ גרינע
לאָנקע,

וואו סאַמעט גלאָט איז יעדעס גרעזעלע באַזונדער...

דעם זעלביקן מעת־לעת נאָך, האָט אויסגעוויקלט זיך אַ טאָג
אַ פראַכט...

אַלץ דערוואַכט. ווער אין פרייד און ווער אין פלאָג;
אין שאָטנס פרעמדע, אונדזער ווינטל שעלמיש לאַכט,
ער טראָגט אַ קלוגן ענטפער צום בין־השמשות קלאָג...

ווען צוגעפאַלן איז ווי שטענדיק דער פאַרנאַכט
און די זון אַ פלאַמיקע, צעגאַנגען איז אין גלי,
שוועבט דאָס ווינטל, גאַנץ מיושבדיק, באַזאַכט,
צום בין־השמשות, טוט ער אומגעריכט אַ פלי:

„העי מיין פריינד, זיי וויסן, אַז דו זינדיקסט מיט
דיין קלאָגן,

דיין דריי איז קורץ, נאָר אייביק; אייביק לעבסטו...
אַנטפלעקט זיך פול, געצייטיקט; מיט אַלערליי געשמאַקן,
נאָך יעדן איינעם טאָג, דו קומסט אַרויס, און ווידער
וועבסטו...

צום „חכם״ דעם בן־אדם קוק זיך, אדרבא, צו.
מען ברענגט אים פשוט, אויף אַ וויץ אַהער;
איידער וואָס און ווען, ער קוקט זיך קוים אַרום,
אויס. אויף אייביק... מען לאָזט שוין איבער אים אַ
אַ טרער...

כ'האָב אַ סך זיך צוגעזען, פליענדיק אַראָפּ.
וויפל עוולות, אָט דער מענטש פאַרנעמט;
ווי מען נעמט אים אָפּט אַרויס אַן אויג פון קאָפּ...
פאַר וואָס? פאַר ווען? פאַרשטיינט... פאַרקלעמט...

נישט לאַנג געווען אַ יונגע רויז אין סאַמע צוויטן,
אָן רחמים ט'ווער אַרויסגעריסן איר נשמה...
איז נעם זשע בין־השמשות, גורל דיינס פאַר גוטן,
קען זיין, אַז לעבן אייביק איז די איינציקע נחמה...

מעלבורן, האַרבסט 1984.

מגר. בן־ציון פעלדשוה

# סאָקראַטעס און זיין פילאָסאָפיע

דער גרעסטער און וויכטיקסטער גריכישער פילאָסאָף סאָקראַטעס האָט געלעבט אין פינפטן י. ה. פ״ק. ער לעבט נאָך היינט אין די הערצער און מוחות פון געלערנטע מענטשן אַדאַנק דעם וואָס ער איז אידעאַליזירט געוואָרן, און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע.

ער אַליין האָט זיינע געדאַנקען נישט פאַרשריבן אין קיין ביכער. סאָקראַטעסעס פילאָסאָפישע אויספירן, זיינע אידייען און פעסטשטעלונגען האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער ריכטונג, וועלכע פלאַטאָ, אַריסטאָטעלעס און אַנדערע גריכישע פילאָסאָפן האָבן געוואָלט — זיי זאָלן אָננעמען.

דער כישוף פון זיין פילאָסאָפיע האָט אַרויסגעשיינט דורך די אויסטייטשונגען פון זיינע באַרימטע שילער.

די, וועלכע האָבן געשריבן וועגן סאָקראַטעסן, האָבן אָן שום ספק געוואָלט אים פאָרשטעלן אין דעם שענסטן ליכט און אינטערפּרעטאַציע. זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט צוגעבן קיין סך גלאַנץ צו זיין שאַפן, ווייל וויפל זיי האָבן נישט צוגעגעבן, איז עס געווען בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון פאַקטישן לערער.

אין דיסקוסיעס מיט מענטשן האָט סאָקראַטעס זיך באַנוצט מיט אַ מאַסקע פון איגנאָראַנץ. זיין ציל איז געווען צו געבן אַ נייע ריכטונג דאָס טראַכטן פון די אַלע, וועלכע ער האָט באַגעגנט. ער האָט זיך באַמיט זיי איבערצייגן, אַז זיי זענען אומוויסנד. ספּעציעל האָט ער זיך באַנוצט מיט דעם מיטל ביים איבערצייגן די יעניקע, וועלכע האָבן געגלויבט, און זענען געווען זיכער, אַז זיי זענען קלוג, כאָטש אין דער אמתן זענען זיי געווען ווייט דערפון.

דער סאָקראַטעס מעטאָד איז אַזוי אַרום אַ מעטאָד נישט ווי צו לערנען פילאָסאָפיע, נאָר אַ מעטאָד ווי צו לערנען פילאָסאָפירן.

סאָקראַטעס קאָנצענטרירט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון קאָנצעפּציעס ביז אַ דעפיניציע. אַזוי אַרום האָט ער וויכטיק געמאַכט דעם אופן פון פילאָסאָפירן, ווייל ער האָט דאָס פילאָסאָפירן געגעבן אַ ממשותדיקן יסוד.

די העכסטע מדרגה ביים דעצידירן די אַרגומענטן אין פילאָסאָפיע מוז זיין דער גלויבן אין שכל.

סאָקראַטעסן האָט גרויס געמאַכט זיין איבערגעגעבנקייט צו זיין שליחות, און די ריינקייט פון זיין לעבן.

די דאָקטרין פון סאָקראַטעסן איז: ערלעכקייט; אָנשטענדיקייט; מאָראַלישע אויפפירונג; צידקות. די דאָזיקע דאָקטרין איז דער טעזיס לויט וועלכן מען אָריענטירט זיך וואָס עס איז גוט און נוציק. ס'איז גענוג קלאָר כדי אַ מענטש זאָל זיך אָריענטירן ווי ער דאַרף האַנדלען.

# איז געפלויגן
# די גאָלדענע פּאַווע...

### אַ פּאָר געדאַנקען וועגן
### פייגעלע מאָקאָטאָוו אָנדענק־אָוונט

אַ גרויסער היימישער עולם האָט אויסגעפילט דעם טעאַטער־זאַל פון „קדימה" (זונטיק, דעם 5־טן אויגוסט ה. י.), וואָס איז געקומען אויסדריקן זיין ליבע און אָנערקענונג פאַר פייגעלע מאָקאָטאָוו, וועלכע איז נישט לאַנג צוריק, אין איר בליענדיקן עלטער, פון צווישן אונדז אַזוי אומברחמנותדיק אַרויסגעריסן געוואָרן.

שוין דער אַריינפיר — ראַוועלס מאָדערניסטישער „קדיש", אין דער פּרעכטיקער אויספירונג פון פייגעלעס יוגנט־חברטע, די באַרימטע זינגערין רחל געטלער, האָט אַריינגעפירט די פייערלעכע שטימונג אין זאַל.

די בינע ווערט פאַרפולט מיט פייגעלעס נאָענטסטע



פייגעלע מאָקאָטאָוו

מיטאַרבעטער: אַרטיסטן, רעזשיסערן, דראַמאַטורגן, בינע־טעכניקער, פון די ייִדישע און ענגלישע בינעס, וואָס יעדער פון זיי, איבערגעבנדיק מיט אַזוי פיל ליבע און וואַרעמקייט (אָפטמאָל צוגעשמאַלצן מיט אַ ביסל הומאָר) וועגן זייערע איבערלעבונגען, עפּיזאָדן און אָפּשאַצונגען פון דער פאַרשטאָרבענער — צוטראָגנדיק דערמיט אַ בלימעלע צום גרויסן פאַרבנדיקן בוקעט, וואָס ווערט געפלאָכטן און געבונדן אין גאַנג פונעם אָוונט.

במשך פון 90 מינוט ווערט אַרויסגעבראַכט דורכן לעבעדיקן וואָרט, מוזיק, בילד און פילם — די גרויסע פּערזענלעכקייט פון דער קליינער פייגעלען.

ס'איז נישט צו גלויבן, אַז אין איין גוף האָט זיך געקאָנט אָנזאַמלען אַזוי פיל לעבנס־לוסט, ענערגיע און ווילנס־קראַפט, וואָס האָט זיך ממש איבערגעגאָסן איבער די ברעגעס, במשך פון פייגעלעס קורצן אָבער העכסט־דראַמאַטישן לעבן.

אויפן הינטערשטן עקראַן האָט זיך פייגעלע באַוויזן אַ לעבעדיקע אין אַ גאַנצע ריי קרעאַציעס, וואָס זי האָט געשאַפן: דראַמע, קאָמעדיע, בורלעסק, געזאַנג און טאַנץ.

דער גרויסער אַנסאַמבל פון אירע ייִדישע און נישט ייִדישע חברים־אַרטיסטן און מיטאַרבעטער זינגען אויס, אין סאָלאָס און אַלע צוזאַמען, די האַרציקע מאַנגערישע לידער, וועלכע פייגעלע האָט אַזוי שטאַרק פּאָפּולאַריזירט דורך איר „מגילה" אויפפירונג.

די דערציילער ברענגען אַרויס פייגעלעס פּערזענלעכקייט נישט בלויז ווי אַ פעאיקע אַקטריסע און רעזשיסערין, נאָר אויך ווי אַ טיכטיקער אַדמיניסטראַטאָר און בינע־טעכניקער.

במשך פון גאַנצן אָוונט ווען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן איר קורץ לעבן אין וואָרט און אין בילד, האָט זיך געפילט פייגעלעס אומרואיקייט און זוכעניש צו געפינען דעם ריכטיקן קינסטלערישן וועג אין איר לעבן.

און ווען דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט מאַנגערס „גאָלדענע פּאַווע" און דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין, האָט זיך געפילט, אַז די „גאָלדענע פּאַווע" — פייגעלע, שוועבט נאָך אַלץ אַרום אין חלל, נישטערט און זוכט אַ פּאַסיק אָרט אויפצושטעלן איר נעסט...

**יאַשאַ ש.**

---

בן ציון, מיך בנימין. זיי האָבן אַמאָל געלעבט, אָבער זיי זענען מער נישטאָ. אַזוי מיך פאָלק. מיך פאָלק איז געווען פאַר מיר ווי מיך פרוי און מייַנע קינדער. דאָס לאַנגע קאַפּיטל פאַרענדיקט ער מיט אַ דיכטונג „חלום חלמתי".

פאַראַן אַ ייִדישע איבערזעצונג פון דער העברעאישער דיכטונג, אָבער נאָר אין פּראָזע: „אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט, זייער אַ שרעקלעכער. נישטאָ שוין מיך פאָלק, נישטאָ שוין מער. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי — ווי, ווינ! וואָס האָט זיך מיר געחלומט, איז געשען אַזוי. אַ גאָט אין הימל! האָב איך מיט אַ ציטער אויסגערופן — פאַרוואָס איז מיך פאָלק אויסגעשטאָרבן? פאַרוואָס און פאַרוואָן איז עס געשטאָרבן אומזיסט? נישט קיין קריג, נישט קיין שטרייט. יונג און אַלט, פרוי און קינד, קיינער איז שוין נישטאָ. פאַרברענט די הענט! אַזוי פאַרגיי איך איך מיך צער טאָג און נאַכט — פאַרוואָס, פאַרוואָס האָר מייַנער און צו וואָס מיך גאָט"?

אין דעם זעלבן קאַפּיטל זעט דער דיכטער אַ נביאישע וויזיע פון טרייסט און נחמה. די דיכטערישע שכינה אינספּירירט אים צו פאַרצייכענען אַזעלכע נביאישע ווערטער: „אַ מיך פאָלק, מיך פאָלק. איך האָב געזען אַ פּראָצעסיע פון טויזנטער קינדער אין ארץ ישראל. איך זע דאָרטן אַ פאָלק פון קינדער. אַיעדעס איינע קינד איבערשטייגט די אַנדערע אין שיינקייט און חן"... „אַ מיך פאָלק און דיך גרויס בית המדרש... דו ביסט נישטאָ מער"...

„אין דער גאָר נישט ווייטער צוקונפט וועט אַ גרויסער דור אויפשטיין, וואָס וועט איבערשטייגן דעם דור, וואָס איז אַזוי ברוטאַל פאַרשניטן געוואָרן דורך דעם שמוציקן שוים פון דעם מענטשנגעשלעכט"... „יאָ אַ פאָלק וועט געבוירן ווערן. דאָס וועט זיין אַ ייִדיש פאָלק גרויס און צאַלרייך"...

קאָמענטירט: „איך האָב געהערט מוזיקער אין דער פּילהאַרמאָניע אין וואַרשע און אין אויסלאַנד" „אָבער דאָס ייִנגעלע", זאָגט בראַנד, „דאָס זענען נישט דײַנע פֿינגער, וואָס באַוועגן די סטרונעס. דײַן נשמה האָט געשפּילט. אַזאַ מוזיק האָב איך נאָך נישט געהערט". נאָכדעם מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן באַפֿעלט ער דאָס ייִנגעלע צו גיין לינקס און די מוטער צו גיין מיט איר זון... צום טויט.

אין דעם קאַפּיטל וואָס באַשרײַבט די גבֿית עדות פֿון דעם ייִנגל, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון טרעבלינקע, קאָנטינואירט דער דיכטער מיט פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען וועגן דעם פֿאַרראַט פֿון דער קריסטלעכער וועלט צו דער לערע פֿון יעזוסן, אונדזער ברודער. ער קומט צום אויספֿיר, אַז די דײַטשן זענען נישט מער ווי ווילדע אַגענטן פֿון דער קריסטלעכער וועלט. ער שרײַט אויס „די וועלן אַלע אונטערגיין, דער טאָג איז נאָענט, ווען די וועלן אַלע דערטרונקען ווערן אין אַן אָקעאַן פֿון זייער אייגן בלוט. די וועלן פּרוּוון זיך אָנכאַפּן אין אַ שטרוי, אָבער אַנשטאָט איין שטרוי, וועלן זיך מיליאָנען שווימענדיקע שטרויען, אמתע קדושים"... „אונדזערע קדושים וועלן די אָפּמעקן פֿון דער ערד"...

אַזאַ שטאַרקע און עמאָציאָנעלע פֿאַרדאַמונג פֿון דער גאַנצער קריסטלעכער וועלט האָט נישט קיין גלײַכן אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור.

צי איז אַזאַ עמאָציאָנעלער אויסברוך באַרעכטיקט אָדער הערלאָזבאַר אַפֿילו אין די אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען?

טשערניכאָווסקי, וואָס האָט נאָך נישט געוווּסט פֿון קיין טרעבלינקע, אוישוויץ (ער איז געשטאָרבן אין 1943) האָט פּאַקטיש אויסגעדריקט די זעלבע מיינונג וועגן דער קריסטלעכער וועלט, נאָר אָן עמאָציעס. ער האָט אויך פֿאַרבונדן דעם באַרבאַריזם פֿון דער קריסטלעכער וועלט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט מיט דער איצטיקער ייִדישער טראַגעדיע, כאָטש דער גרויזאַמער פֿאַרנעם פֿון דער טראַגעדיע איז אים נאָך נישט באַקאַנט געווען. ער רעאַגירט מיט עטלעכע סעריעס באַלאַדן.

אין דער באַלאַדע „פֿון וואָלף" שילדערט טשערניכאָווסקי די שחיטות אין דער דײַטשער שטאָט וואָרמס. קריסטן מיטן שילד פֿון יעזוסעס קרייץ שעכטן זיי מאַסן ייִדן. צווישן די טויטע געפֿינען זיך שווער פֿאַרוווּנדעטע ייִדן הילפֿלאָז, בענקען נאָכן טויט. קומט דער וואָלף און מאַכט אַ סוף צו זייערע יסורים. דער האַלב־טויטער רב קוקט אין די אויגן פֿון דעם הונגעריקן וואָלף מיט דאַנקבאַרקייט. ער בענטשט דעם וואָלף און בעט צו גאָט, אַז די גאַנצע מענטשהייט זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין וועלף...

וואָס דער דיכטער מיינט צו זאָגן איז, אַז די פֿאַרדאָרבענע קריסטלעכע מענטשהייט איז ערגער, ווי די וועלף. דער וואָלף הרגעט און פֿאַרצערט זײַן קרבן, ווײַל ער איז הונגעריק. די קריסטלעכע רוצחים אַמאָל מיט דעם שילד פֿון קרייץ און איצט מיט דעם האַקנקרייץ מאָרדן פֿאַר פֿאַרגעניגן.

★

דאָס כאַאָטישע בוך, דער „פּנקס ויטל" און אַפֿילו „דאָס ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק" דערגרייכן נישט די ליטעראַרישע שטופֿע פֿון טשערניכאָווסקין. דעם דיכטערס טרויער און ווייטאָג נאָך זײַן פֿרוי חנה, זײַנע צוויי טײַערע זין בענציקע און יאָמעלע דערגרייכן נישט די ליריק פֿון סלאָוואַצקין אין זײַן „אויטשעץ זאַדזשומיאַניך". טראָצדעם קאָן מען נישט פֿאַרגלײַכן די פּאָעטישע ריין מיט יצחק קאַצענעלסאָן. זיי, די גרויסע דיכטער זענען פּערזענלעך, פֿיזיש און פּסיכיש, געווען אָפּגעזונדערט פֿון די טראַגעדיעס, וואָס זיי האָבן געשילדערט צווישן איך עולם הזהדיקן פֿאַרגעניגן און אַ צווייטן. זייער מוזע, די דיכטערישע באַגייסטערונג האָט באַוועגט די פּען אין דער האַנט און געשילדערט טראַגעדיעס. טשערניכאָווסקיס „ברוך פֿון מגנצה" איז טאַקע אַראָפּ פֿון זינען, אָבער טשערניכאָווסקי האָט געדיכטעט מיטן פֿולן ישוב הדעת.

יצחק קאַצענעלסאָן דערמאָנט דעם חורבן ירושלים אָבער דאָס, באַטאָנט דער דיכטער איז געשען אין אַן אָפֿענער מלחמה צווישן בבל און דעם קעניגרײַך פֿון יהודה. „דער גלות בבל איז געווען אַ גן עדן" אין פֿאַרגלײַך מיט אונדזער חורבן און די קינות. דער קלאָגעדיקער איכה איז אַ „יום טוב געזאַנג" אין פֿאַרגלײַך מיט אונדזער בראָך.

ירמיהו הנביא איז טאַקע געווען דער איינציקער אין דער געשיכטע וואָס האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען די קאַטאַסטראָפֿע, וואָס איז באַפֿאַלן אַ גאַנץ פֿאָלק אין זײַנע קינות. אָבער ער, ירמיה איז נישט געווען פּערזענלעך באַדראָט, ווען ער האָט געשריבן די קינות. צוליב זײַן פּראָ בבל שטעלונג אין דעם פּאָליטישן ספּעקטרום פֿאַרן חורבן, איז ירמיה געווען אַ „פּערסאָנאַ גראַטאַ" אין די אויגן פֿון נבוכדנאצר און זײַן מיליטערישן קאָמענדאַנט נבוזראַדען.

נישט צו פֿאַרגלײַכן יצחק קאַצענעלסאָן מיט דער מעכטיקער געשטאַלט פֿון ירמיהו דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן אַז יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען דער איינציקער דיכטער אין דער וועלט געשיכטע, וואָס האָט געגלויבט, אַז אויף אים, דעם לעצטן עדות, ליגט דער חוב איבערצולאָזן די קינות פֿון אַן אויסגעהרגעטן פֿאָלק און דאָס אין די לעצטע מאָמענטן ווען פֿאַר זײַן טיר איז געשטאַנען דער דײַטשער מלאך המות, וואָס וואַרט אויף זײַן נשמה.

נישט איינמאָל באַטאָנט ער אַז די אויפֿגאַבע איבערשטײַגט זײַנע כּוחות. אפשר טראַכט ער אַז ער איז נישט מער, ווי דער ביבלישער „יפתח בדורו", אָבער קיין אַנדערער איז נישט געווען.

דעם 24־טן אויגוסט 1943 דערציילט אים אַ ייִד פֿון לאַגער וויטעל, אַז די אַמעריקאַנער האָבן געמאָלדן אין ראַדיאָ, אַז פֿיר מיליאָנען ייִדן זענען דערהרגעט געוואָרן, פֿאַרברענט און באַגראָבן לעבעדיקערהייט. דערשיטערט הייבט ער אָן זײַן טעגלעכע נאָטיץ מיט די ווערטער: „עמי", מײַן פֿאָלק. „איך האָב אויסגערופֿן „מײַן פֿאָלק, אָבער מײַן פֿאָלק לעבט נישט מער, אַזוי ווי מײַן פֿרוי, מײַן

צוויי חדשים שפּעטער קלערט אויף דער דיכטער, אַז ער האָט איבערגעריסן זיך שרייבן אויס מורא, אַז ער ווערט משוגע, אָדער ער שטייט פאַר זעלבסטמאָרד.

דער המשך, וואָס איז פאַקטיש דער אַנהויב, הייבט זיך אָן דעם 21־טן יולי 1943 און דויערט ביז צום 16־טן סעפּטעמבער.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט פאַר זיך איין ציל. איבערצולאָזן אַ דענקמאָל פון זיין פאָלק, וואָס איז געפירט געוואָרן צו אַ שחיטה און פאַקטיש אויסגעשאָכטן געוואָרן. ער אײַלט זיך. ער איז באַהערשט פון אַ מורא אַז די דייטשן וועלן אים טויטן אײדער ער וועט דאָס בוך פאַרענדיקן. ער האָט מורא, אַז ער וועט משוגע ווערן, אַז ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער פאַרצייכנט אַז פון די יידן דאָ אין וויטעל איז בישטע קיין איינציקער וואָס גלייבט, אַז ער וועט בלייבן צו דינען אַלס אַ דענקמאָל פון די קדושים, פון די מיליאָנען, וואָס זענען אויסגעמאָרדעוועט געוואָרן. ער שרייבט: „מענער, פרויען, קינדער, מיינע אייגענע צוויי צווישן זיי, זענען געפירט געוואָרן צו דער עקזעקוציע. יעדעס מאָל ווען איך פרוו צו ציילן זייערע לעבנס, אַ געפיל פון משוגעת באַפאַלט מיך”...

אין אָט אַזעלכע באַדינגונגען פון פערזענלעכן צער און ווייטאָג איז געשריבן דער פנקס וויטעל.

דאָס בוך איז אַ געמיש פון פערזענלעכע זכרונות, שילדערונגען פון שוידערלעכע געשעענישן ביי דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, אַ וויי געשריי! אַן אל מלא רחמים נאָכן יידישן פאָלק. אַ פּאַטעטיש אויסגעשרייען פון פּיין איבער דעם גורל פון זיין פרוי חנה און די טייערע צוויי זין זיינע, בן ציונקע און יאַמעלע. באַשולדיקונגען קעגן די דייטשע חיות און זייערע יידישע מיטהעלפער, די יידישע פּאָליציי. באַשולדיקונגען קעגן די יידישע אַסימילאַטאָרן פון רעכטס און לינקס. קעגן בונד און קעגן אַגודת ישראל. באַשולדיקונגען קעגן די אוקראַינער, ליטווינער. קעגן ענגלאַנד און אַמעריקע, קעגן אונגאַרן, רומענער און די גריכן.

דער דיכטער שעלט די אַלע מיט קללות, וואָס איבערשטייגן די קללות אין דער תוכחה, גלייכצייטיק געפינען זיך אין דעם בוך טיפע פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען וועגן לעבן און אומקום פון יידישן פאָלק, וועגן יעזוסן און קריסטנטום.

אַ פּאָר ביישפּילן. אין זיין ביטערער שנאה צו די דייטשן, דערקלערט קאַצענעלסאָן, אַז דאָס איז געווען געטע, וואָס האָט געבוירן היטלערן. דער איינציקער דייטשער דענקער, פאַר וועלכן ער האָט אַ גוט וואָרט, איז דווקא ניטשע, ווייל ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דעם אַנטיסעמיטישן קאָמפּאָזיטאָר ריכאַרד וואַגנער. קאַצענעלסאָן וואָרנט, אַז דאָס באַטראַכטן ניטשען ווי אַ דייטש איז אַ באַליידיקונג.

די גרויזאַמע קללות, וואָס קומען צום אויסדרוק אין דעם בוך מאַכן אַ שווערן און אומהיימלעכן איינדרוק. אָבער יצחק קאַצענעלסאָן איז נישט געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט אַזעלכע קללות אין דער העברעישער ליטעראַטור. פאַר אים איז געווען שאול טשערניכאָווסקי, איינער פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע דיכטער.

אין דער פּאָעמע ברוך ממגנצה, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ מאָנאָלאָג, און וואָס האָט אויך געהאַט אַ שייכות מיט אַ יידישן חורבן, שילדערט טשערניכאָווסקי די טראַגעדיע פון אַ יידן אין אַלטן דייטשלאַנד אין דער שטאָט מגנצה (מיינץ). די דייטשע רוצחים האָבן געהרגעט ברוכס פרוי און שפּעטער צווינגען זיי אים צו שעכטן זיינע צוויי טעכטער. ברוך גייט אַראָפּ פון זינען. לייגט אונטער אַ פייער, וואָס פאַרברענט דעם קלויסטער, דאָס פייער פאַרכאַפּט די גאַנצע שטאָט. אין שיין פון דעם פייער קומט ברוך צום קבר פון זיין פרוי. אַ האַלב משוגענער אין זיין פּיין און ווייטאָג שעלט ער די מערדערישע חיות מיט קללות, וואָס האָבן פריער נישט געהאַט קיין גלייכן אין דער ליטעראַטור.

אַזוי שעלט יצחק קאַצענעלסאָן די גאַנצע מענטשהייט, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך? — no

דעם 18־טן אויגוסט רעקאָרדירט דער דיכטער אַ באַזוך ביים רב לאַזער איטשע מייזעל אין וואַרשעווער געטאָ, דאָרט זיצט אַן 18־יעריק יינגל. ער איז אַ נאַקעטער אַנטלאָפן פאַר דער טיר צו דער גאַז קאַמער אין טרעבלינקע. ער איז אין גאַנצן צעקאַליעטשעט פון די שטעכלדראָטן. עס איז איבעריק איבערחזרן וואָס דאָס יינגל דערציילט וועגן טרעבלינקע. די טויזנטער נאַקעטע מענטשן אויסגעשטעלט אין רייען פאַר דער טיר צו די גאַז קאַמערן. שילדערונגען, וואָס זענען שפּעטער דאָקומענטאַריש באַוויזן געוואָרן.

לײדער איז אַ טראַגעדיע פון מיליאָנען נאָמענלאָזע מענטשן נישט מער ווי סטאַטיסטיק. אַן אויסנאַם איז אַ טראַגעדיע פון אַ יחיד, ספּעציעל פון אַ קינד.

ווער געדענקט נאָך היינט איליאַ ערענבורגס שילדערונג פון דער מאַסן שחיטה ביי אָפענע קברים אין וואַלד ביי קינסק? אָבער די טראַגעדיע פון אַ קליין מיידעלע, וואָס דער יידיש־רוסישער פּראָזע מייסטער האָט געשילדערט אין אַ פּאָר שורות איז אומפאַרגעסלעך. די דייטשן שרייען אויסטאָן נאַקעט! נאַקעט! שנעל! שנעל! שטייט אַ קליין מיידעלע נאַקעט, אָבער נאָך אין די זאָקן. זי פרעגט דעם דייטש, „די זאָקן אויך”?...

יצחק קאַצענעלסאָן האָט רעקאָרדירט: אַ מוטער און איר זון גייען צום אומשלאַג פּלאַץ. דאָס יינגעלע, קוים צען אָדער עלף יאָר אַלט, טראָגט אַ פידל, אַראָפּגעהאַנגען שטורמפירער בראַנד, פרעגט ער די מוטער „דו אַרבעטסט”? „גיי אויף רעכטס. אָבער דאָס יונגעלע מוז גיין לינקס”. „די פידל, וואָס דאָס יונגעלע טראָגט, דו שפּילסט?” „ניין” ענטפערט די מוטער, די פידל געהערט צו מיין זון. ער איז אַ טאַלענטירטער מוזיקער. באַקומען דעם העכסטן פּרייז אין אַ פאַרמעסט מיט הונדערט מוזיקער”. „זאָל ער שפּילן פאַר מיר” באַפעלט בראַנד. „דאָס יינגעלע שפּילט”... בראַנד מיט אַן ערנסטע, איידעלע שטימע

איניקע גרעסערע פּאָעמעס אין יידיש, ווי אויך צאָלרייכע פּאָפּולערע לידער, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין געטאָ.

דעם 4־טן אויגוסט 1942 באַפאַלט דעם דיכטער אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. בעת ער און זיין עלטסטער זון צבי זענען געווען ביי דער אַרבעט אין דער שולץ־פאַבריק, זענען זיין פרוי חנה און די צוויי יונגערע זין בן ציון און בנימין אַרויסגעפירט געוואָרן צום אומשלאַגפּלאַץ צוזאַמען מיט פינף און האַלבן טויזנט יידן און טראַנספּאָרטירט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן אין טרעבלינקע. די פּערזענלעכע טראַגעדיע האָט גורם געווען דעם איבערברוך אין דער פּערזענלעכקייט און גייסטיקן צושטאַנד פון דעם דיכטער. ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ טיפן יאוש, וואָס האָט אים געמאַטערט ביז צום סוף פון זיין לעבן.

אין יאַנואַר 1943 שליסט זיך אָן יצחק קאַצענעלסאָן אין דעם אונטערגרונט אונטער דער קאָמאַנדע פון יצחק צוקערמאַן. אין דער לעצטער פאַזע פון דעם אויפשטאַנד ווערט ער צוזאַמען מיט זיין 18־יעריקן זון צבי אַריבערגעפירט אויף דער אַרישער זייט. דער חלוצישער אונטערגרונט האָט פאַר די פאַרשאַפן האָנדוראַס פּאַספּאָרטן און אין מאַי 1943 ווערן זיי צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון 60 אַנדערע יידן מיט דרום אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן אַריבערטראַנספּאָרטירט קיין דרום פראַנקרייך אויפן וועג כלומרשט קיין דרום אַמעריקע. דעם 22־טן מאַי 1943 קומען זיי אָן אין דעם אינטערנירונגס לאַגער וויטעל אין דרום פראַנקרייך. דאָרט פאַרבלייבן זיי צען חדשים און אַנשטאָט קיין דרום אַמעריקע ווערן זיי אַלע טראַנספּאָרטירט צו די גאַז קאַמערן אין אוישוויץ

פונעם ערשטן טאָג אין וויטעל איז דער דיכטער באַהערשט מיט אַ פאַרגעפיל אַז דער טראַגישער סוף פון דעם לעצטן הייפל יידן מיט דרום אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן איז נאָענט. די דייטשן וועלן זיי נישט אַרויסלאָזן קיין אויסלאַנד. זיי, די לעצטע יידן זענען דאָך די עדות פון דעם דייטשן גרעסטן פאַרברעכן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. עס איז שוין דער שטייגער פון מאָרד־פאַרברעכער צו טויטן אַזעלכע עדות. ער איז איבערצייגט, אַז דאָס טראַנספּאָרטירן די לעצטע הייפלעך יידן קיין פראַנקרייך איז נישט מער, ווי אַ טיפּולאַנישער געשטאַפּאָ שפּיל.

אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ געפינען זיך טויזנטער דרום אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן פאַר יידן, וואָס זענען שוין לאַנג אומגעבראַכט געוואָרן. מיט דער הילף פון פאַרמיטלער באַט די געשטאַפּאָ אָן צו פאַרקויפן די דאָזיקע פּאַספּאָרטן צו די באַהאַלטענע יידן. די פאַרמיטלער זענען טאַקע אומשולדיק, זיי גלייבן אַז די געשטאַפּאָ מיינט נאָר די דאָלאַרן, גאָלד און בריליאַנטן, וואָס זיי וועלן איינקאַסירן פאַר די נוצלאָזע פּאַספּאָרטן. אַ באַווייז: מען טראַנספּאָרטירט דאָך זיי אַלע קיין דרום פראַנקרייך. אָבער דער הויפּט ציל פון דער געשטאַפּאָ איז אַרויסצוואַרן די נאָך לעבנגעבליבענע יידן פון זייערע באַהעלטענישן.

אין דעם דאָזיקן יאושדיקן צושטאַנד באַשליסט יצחק קאַצענעלסאָן איבערצולאָזן זיין גבית עדות אין אייגענער האַנטשריפט. צוערשט אין זיין „פּנקס ויטל" אין העברעאיש און שפּעטער, אויב די צייט וועט דערלויבן, אין דער פאָרם פון אַ פּאָעמע, „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

איך נוץ דעם אָריגינעלן טיטול פון בוך „פּנקס ויטל", ווייל די איבערזעצונג אַלס „טאָגבוך פון וויטעל" איז לויט מיין מיינונג פאַלש. עס איז נישט קיין טאָגבוך, אין וועלכן דער מחבר פאַרצייכנט טעגלעך די געשעענישן אין וויטעל, נאָר זכרונות, מעמואַרן, וואָס באַציִען זיך צום אומקום פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע, געשריבן אין וויטעל. נאָר די ערשטע דריי זייטלעך אין אַ בוך פון איבער 200 זייטן זענען נוגע דעם לאַגער אין וויטעל.

בכדי צו באַגרייפן די באַדינגונגען אין וועלכע דער דיכטער האָט געשריבן זיין בוך און דאָס „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" מוז מען זיך בקיצור אָפּשטעלן אויף די ערשטע דריי זייטלעך , וואָס באַציִען זיך צו וויטעל.

דעם 22־טן מאַי, ווען יצחק קאַצענעלסאָן און זיין זון צבי קומען קיין וויטעל, ווערן זיי לאָקירט אין האָטעל „פּראָווידאַנס". אַרום דעם האָטעל זענען פאַראַן אַ צאָל געביידעס אין וועלכע עס געפינען זיך אַנדערע יידן אין דער זעלבער לאַגע. אין דער געביידע אַקעגנאיבער שטייען מיידלעך ביי די פענצטער. זיי זענען אָנגעשמינקעוועט ווי פּראָסטיטוטקעס. זיי רעדן נאָר פּויליש. דער דיכטער פאַרצייכנט: „איך בין דאָ הייַנט אָן מיין פרוי און אָן מיינע צוויי טייערע זין. ווען כאָטש חנה וואָלט דאָ געווען, כאָטש בן ציונקע און בנימין... אין די לעצטע צען חדשים האָב איך נישט געהאַט אַזאַ גרויסן אַפּאַרטאַמענט, אַזאַ בעט צום שלאָפן. טראָצדעם פיל איך אין מיר באַוווּסטזיין אַ נידערגעשלאָגנקייט אַ סך גרעסער ווי פריער... איך האָב מורא, אַז די איינזאַמקייט וועט מיך משוגע מאַכן. צבי איז אויך אויפן וועג משוגע צו ווערן. עס פאַרדריסט: איך האָב פון אים נישט געהערט קיין סודותדיקן זיפץ. ער דאַרף אויסדריקן צער"...

וועגן די אַנדערע יידן אין דעם אינטערנירונגס לאַגער וויטעל, פאַרצייכנט דער דיכטער: „מיר זענען אַלע פרעמד איינער קעגן אַנדערן, טראָצדעם וואָס נאָר אַ פּאָר איינצלנע זענען מיר געבליבן. — דאָס אומגליק פון אונדזער פאַרניכטונג האָט אונדז נישט געבראַכט נענטער. פאַרקערט: איך האָב מורא, דאָס האָט נאָך אונדז דערווייטערט איינער פון אַנדערן"... „דאָס פלאַפּלען פון די פרויען קעגנאיבער. איינע פון זיי שפּילט אויף אַ צערודערט פידל. אָך! וואָס איז געשען מיט מיר. אויב די, וואָס האָבן געהרגעט מיין פרוי און די צוויי זין מיינע, וועלן מיך נישט הרגענען, וועט דער פידל מאַכן אַ סוף פון מיר"...

די פּאָר אויסצוגן פון די ערשטע פאַרצייכענונגען אין דעם פּנקס ויטל כאַראַקטעריזירן דעם צעטרייסלטן געמיט צושטאַנד פון דעם צעפּייניקטן און צעבראָכענעם דיכטער. זיינע נערוון זענען אָנגעשטרענגט צום פּלאַצן. נישט קיין וואונדער, ער האָט פאַרמאַכט דעם פּנקס, איבערגעריסן דאָס שרייבן, אויף צוויי חדשים.

ד"ר מ. פערשטענדיק

# יצחק קאַצענעלסאָן

**צו זיין 40־טער יאָרצייט**

דאָס אָפּמערקן די 40־טע יאָרצייט פון קדוש יצחק קאַצענעלסאָן פאַרמעסט זיך נישט צו געבן אַן אַלגעמיינע ליטעראַרישע אָפּשאַצונג פון דעם אוצר פון זיינע שאַפונגען, וואָס האָבן באַרייכערט די יידישע און העברעאישע ליטעראַטור אין אַ לאַנגן שעפערישן פּעריאָד צווישן די יאָרן 1904 ביז 1944.

יצחק קאַצענעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1886. מער וויניקער אין דער זעלבער צייט ווי חיים יוסף ברענער, אַן אַנדער גרויסער יידישער און העברעאישער שרייבער. זיי האָבן ביידע כמעט אין דער זעלבער צייט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זייערע ליטעראַרישע שאַפונגען. די זענען ביידע געווען אידעאָלאָגיש פאַרבונדן מיט דער חלוצישער אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל. חיים יוסף ברענער איז אויך געווען אַ קדוש. די אַראַבישע פּאָגראָמטשיקעס האָבן אים דערהרגעט אין יאָר 1921. הלל צייטלין האָט אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן חיים יוסף ברענערן (אין „היינט") זיך אויסגעדריקט, אַז חיים ברענער איז געווען אַ הייליקער סעקולערער צדיק, אַריינגעוואָרפן אין א וועלט, וואָס האָט זיך נישט פאַרדינט און איז נישט ווערט אַזאַ זויבערע פערזענלעכקייט.

טראָצדעם האָט קיין שום יידישע אינסטיטוציע אין דער וועלט, איינשליסלעך מדינת ישראל נישט אָפּגעמערקט די 50־טע, אַחוץ 60־טע יאָרצייט נאָך דעם גרויסן שרייבער און קדוש חיים יוסף ברענער.

דער פאַרגלייך צווישן יצחק קאַצענעלסאָן און חיים יוסף ברענער איז אויסן צו אונטערשטרייכן אַז דאָס אָפּמערקן די 40־טע יאָרצייט פון יצחק קאַצענעלסאָן אין 1984 איז נאָר צוליב זיינע שאַפונגען וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם חורבן פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע.

יש קונה עולמו בשעה אחת. אונדזערע חכמים באַמערקן אַז עס טרעפט אַמאָל אַז א מענטש דערוואַרבט זיך זיין וועלט אין איין שעה.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט זיך דערוואָרבן זיין וועלט מיט איין פּאָעמע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק" און מיט דעם וויניקער באַקאַנטן „טאָג־בוך וויטעל", שאַפונגען פון די לעצטע צוויי חדשים פון זיין לעבן.

דער „טאָג־בוך וויטעל" איז וויניקער באַקאַנט. פון שטאַנדפּונקט אָבער פון דער חורבן ליטעראַטור — נישט וויניקער וויכטיק.

אַלס אַ ליטעראַרישער און היסטאָרישער דאָקומענט, איז דאָס בוך אַ צושטייער צו דער חורבן ליטעראַטור: לויט מיין מיינונג, איבערשטייגט עס דאָס קלאָג ליד. דער „טאָג־בוך וויטעל" דערשיטערט דעם לייענער אַזוי ווייט און טיף, אַז דער איבערגאַנג פון דעם טאָג־בוך צום קלאָג ליד שאַפט א געפיל, ווי דאָס אַרויסשווימען פון א שטורמישן ים צו שטילע וואַסערן, טראָצדעם וואָס אין אַלגעמיין ווערט דער טאָגבוך באַטראַכט בלויז אַלס א פאָרוואָרט, אַן איינלייטונג צום דעם קלאָג ליד.

אַ פּאָר ביאָגראַפישע נאָטיצן:

יצחק קאַצענעלסאָן שטאַמט פון מינסקער געגנט, פון אַ משפּחה מיט דור דורות רבנים פון ביידע זייטן. פון אָט די משפחות האָבן אויך געשטאַמט בערל קאַצענעלסאָן און יצחק טאַבענקין, די צוויי זיילן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל, מיט וועלכע יצחק קאַצענעלסאָן איז געווען פאַרבונדן עמאָציאָנעל און אידעאָלאָגיש. אַגב יצחק קאַצענעלסאָן האָט אַדרעסירט זיין צוואה צו בערל קאַצענעלסאָן און יצחק טאַבענקין.

זיין ליטעראַרישע קאַריערע הייבט אָן קאַצענעלסאָן אין יאָר 1904. ער שרייבט אין יידיש פאַר מרדכי ספּעקטאָרס „יידישע פאָלקסצייטונג" און פאַר י. ל. פּרצעס „יידישע ביבליאָטעק" און אין העברעאיש פאַר דוד פרישמאַנס „הדור".

קאַצענעלסאָנס פאָלקס לידער ווי „לילות־כנען", „הידד, הידד גינה קטנה", „חד גדדיא". די קינדער לידער פון זיין בוך „גן ילדים" זענען פול מיט האָפענונג און פרייד און האָבן געהערט צו די פּאָפּולערסטע אין די ברייטסטע קרייזן פון דער יוגנט. ער האָט געשאַפן צאָלרייכע פּאָעמעס, פּאָעטישע דראַמעס, העברעאישע טעקסטביכער פאַר שולן, אַ העברעאישע גראַמאַטיק א. א. וו. אין 1938 זענען דערשינען דריי בענדער פון זיינע העברעאישע שאַפונגען. ער האָט זיך אויך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס לערער און פּעדאַגאָג אין זיין מיטלשול, אין לאָדזש.

אין די ערשטע פאָר וואָכן נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין לאָדזש אַנטלויפט יצחק קאַצענעלסאָן קיין וואַרשע.

יצחק קאַצענעלסאָן ווערט באַטראַכט אַלס אַ פּראָדוקטיווער, שעפערישער קינסטלער מיט אַ לירישן חן־יודיקן הומאָר. אין וואַרשעווער געטאָ האָט קאַצענעלסאָן געשאַפן

---

טומלדיקע מיליטאַנטן אַוועקגענומען קאָסטבאַרע צייט ביי דער רעגירונג. אַנשטאָט זיך צו פאַרנעמען מיט וויכטיקע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, האָט באָב האָוק — דער פּרעמיער און ביל היידן — דער אויסערן־מיניסטער זיך געמוזט פאַרנעמען מיט צוגרייטן דעם געהעריקן כוח קעגנצווווירקן די שעדלעכע נעגאַטיווע און דעסטרוקטיווע כוונות פון דער גרופּע, וואָס וואָלט ביז גאָר געהאַמעוועט דער רעגירונג אָנצוגיין מיט איר אַרבעטס־פּראָגראַם.

פאַר די אידייען, וועלכע דער א. ג. „סאָציאַליסטישער לינקס" אַגיטירט, אידייען וועלכע זענען מיילן ווייט פון סאָציאַליזם און פון לינקס (לינקס פון וועמען?) איז נישטאָ קיין אָרט אין דער לייבאָר־פּאַרטיי.

וואָס שנעלער די פּאַרטיי וועט פאַרשטיין, אַז זי דאַרף זיך באַפרייען פון די עלעמענטן, אַלץ געזינטער וועט עס זיין פאַר דער לייבאָר־פּאַרטיי, און במילא — פאַר אויסטראַליע.

שלום ג.

# מען קאָן אייך, פּעטער...

די פעדעראַלע קאָנפערענץ פון דער לייבאָר־פּאַרטיי וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין חודש יולי ה. י. אין קאַנבעראַ — האָט באַוויזן, אַז אין אירע רייען געפינט זיך אַ גוט אָרגאַניזירטער דעסטרוקטיווער כוח, וועלכער טראָגט דעם אומשולדיקן נאָמען: „סאָציאַליסטישער לינקס".

דער „סאָציאַליסטישער לינקס" איז נישט נאָר שעדלעך פאַר דער לייבאָר־פּאַרטיי גופא, ווייל די דאָזיקע פראַקציע פירט אַ קאָנסעקווענטע פּאָליטיק כדי די לייבאָר־פּאַרטיי זאָל פאַרלירן דעם צוטרוי ביי די ווילער — נאָר די פראַקציע איז אויך שעדלעך פאַרן לאַנד גופא מיט אירע נעגירנדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע רעזאָלוציעס, וועלכע זי האָט פּרובירט דורכזעצן אויף דער קאָנפערענץ.

דער ענערגישער פּרעמיער באָב האָוק, וואָס איז אַ יאָרצענדליק געווען פירער פון דער צענטראַלע פון די פּראָפ. פאַראיינען, און איז אַ מבין אויף די פראַקציאָנעלע פוילע שטיק, האָט קליפּ און קלאָר געלאָזט וויסן דער קאָנפערענץ , אַז:

„די לייבאָר־פּאַרטיי איז אין איר היסטאָרישן מהות

---

נאָמען אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג אונטער זייער אייגענער פירונג. צו דעם וועט, לויט מיין מיינונג, נישט קומען. די חילוקי־דעות זענען צו גרויסע, אַז דאָס זאָל מעגלעך זיין. דער מערך האָט צוגעזאָגט אַרויסצוציען דאָס ישראל־מיליטער פון לבנון במשך אַ האַלב יאָר און אָפּשטעלן דאָס אויפשטעלן נייע ישובים אין די אַראַבישע שטחים. אויך די וועגן צו באַקעמפן די אינפלאַציע און אַריינברענגען אַ שטיקל אָרדענונג אין דער ישראל־ווירטשאַפט זענען גאַנץ קעגנזעצלעכע צווישן די צוויי לאַגערן. בלייבט איבער די האָפענונג, אַז דעם מערך־־פירער שמעון פּערעס וועט געלינגען צו קריגן די נויטיקע 61 שטימען און שאַפן די רעגירונג, אַפילו פאַרן פּרייז פון נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די דריי (אָדער פיר) רעליגיעזע פּאַרטייען.

די סטאַבילקייט פון אַזאַ רעגירונג איז אַ צווייפלהאַפטע. דער איינציקער אויסוועג בלייבט נייע וואַלן. אָבער לויט וועלכער וואַל־אָרדינאַציע? אויב לויט דער ביזאיצטיקער — וואָס וועט זיין די פּעולה. עס וועט ברענגען דעם זעלבן רעזולטאַט. און כדי דורכצופירן אַ נייעם וואַלגעזעץ, וועלכער זאָל באַגרענעצן דעם איבערגעטריבענעם וווּקס פון די קליינע פּאַרטייען, איז נויטיק אַ פאַרשטענדיקונג פון די צוויי גרויסע — מערך און ליכוד. צי דאָס איז מעגלעך — ווייס איך נישט. אָבער דאָס איז דער איינציקער וועג כדי אַרויסצופירן די מדינה פון פּאָליטישן קריזיס.

אַן אינסטרומענט, וועלכער באַמיט זיך צו פאַרבעסערן דעם וווילזיין פון די אויסטראַלישע מאַסן".

דעריבער: „קאָן די אויסטראַלישע רעגירונג זיך נישט דערלויבן צו זיין דאָס שפּילצייג פון פאַרשידענע פראַקציעס אין דער לייבאָר־פּאַרטיי". און ווייטער האָט ער געזאָגט:

„די פּאַרטיי געהערט צום פאָלק און נישט צו די שמאָלע פּאָליטישע אינטערעסן".

די דאָזיקע מוטיקע און אַנטשלאָסענע רייד זענען מיט צופרידנקייט אויפגענומען דורך די פּאָליטישע קאָמענטאַטאָרן פון דער גאַנצער אויסטראַלישער פּרעסע. דאָס פאָלק האָט מיט וואַרעמקייט אויפגענומען די פאַרזיכערונג פון פּרעמיער, וועמען זי האָט געשאָנקען צוטרוי, און וועמעס פּאָפּולאַריטעט איז נישט פאַרמינערט געוואָרן זינט די פאַרגעקומענע וואַלן.

די פּאָליטישע אינטערעסן פון „סאָציאַליסטישן לינקס" זענען אַ געמיש פון אַנטי־אַמעריקאַניזם; אַנטי־ישראליזם; אומנוציקן קאָנסערוויריזם (אויפצוהאַלטן די נאַטירלעכע ווילדקייטן . . .)

דאָס זענען די זעלבע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער לייבאָר־פּאַרטיי ערשט נאָך דער שפּאַלטונג פון יאָר 1954, ווען די רעכטע עלעמענטן האָבן פאַרלאָזן די פּאַרטיי.

מען דאַרף נישט זיין „פּאָליטיש־גראַמאַטנע" כדי צו באַנעמען, וואָס די פראַקציע שטעלט מיט זיך פאָר. עס איז גענוג אָנצורופן צוויי פון אירע פירנדע נעמען (אָדער די, וועלכע מען זעט שוין צו אָפט אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע). דאָס זענען:

פּרוי קאָקסעדזש (דאַמען ערע . . .) וואָס איר פּאָליטישער קרעדאָ איז די אידיי, מען זאָל אָפּשאַפן די זיכערהייטס אָרגאַנען, ווייל זיי קוקן צופיל אויף די טואונגען פון געוויסע פאַרשוינען. וואָס אַזאַ שריט קאָן באַדייטן איז גאַנץ פאַרשטענדלעך: אויסלענדישע און היגע שפּיאָנען און טעראָריסטן זאָלן פראַנק און פריי גראַסירן. פּרוי קאָקסעדזש פאַרגעסט אָבער, אַז די טעראָריסטישע תורה קאָנען די רעכטע פונקט אַזוי ווי די לינקע (אַרגענטינע למשל).

דער צווייטער איז: ביל האַרטלעי — דער אָפּיציעלער פאָרשטייער פון דער ליבישער פּרעסע־אַגענטור (און צוזאַמען מיט דעם גייען אויך מיט די אידייען פון גאַדאַפי).

נישט וויכטיק איז, וואָס די דריי הויפּט־פּאָסטולאָטן פון דער פראַקציע זענען דורכגעפאַלן, (דאָס איז אגב, געווען צו דערוואַרטן) מיטן קנאַק. דאָס זענען:

1) אָפּזאָגן די אַמעריקאַנער דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיט זייערע קאָמוניקיר אינסטאַלאַציעס וואָס געפינען זיך אין אויסטראַליע.

2) טאָטאַלער פאַרבאָט אויף גראָבן אוראַניום.

3) נישט אָנערקענען די אַנעקסיע פון מזרח־טימאָר דורך אינדאָנעזיע.

וואָס ס'איז אָבער יאָ וויכטיק איז — אַז חדשים איידער די קאָנפערענץ איז זיך צונויפגעקומען, האָבן די

ברענגט די געהעריקע פּרוכט — בעגין האָט דערגרייכט זיין לאַנג־אויסגעטרוימטן אידעאַל און געוואָרן דער פּרעמיער־מיניסטער פֿון לאַנד, נאָך דעם ווי די ישׂראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געפֿירט די מלוכה במשך 29 יאָר און זי אַרויסגעפֿירט פֿון אַן אַ שיעור קריזיסן און שוועריקייטן.

אָבער דאָ איז געשען דאָס סאַמע אומדערוואַרטסטע. דער מענטש וועלכער האָט געפּריידיקט דעם עקסטרעמסטן מאַקסימאַליזם, פֿאַרוואַרפֿנדיק די מערך־רעגירונג אַז זי איז נישט גענוג פּאַטריאָטיש, האָט לסוף דערפֿירט צו אַ דערפֿאָלגרייכן הסכּם מיט מצרים (דער באַקאַנטער באַזוך פֿון סאַדאַט אין דער כנסת). די ליכּוד־רעגירונג האָט אָפּגעגעבן דעם סיני־געביט און צעשטערט די ישובֿים וועלכע זי האָט געהאַלטן פֿאַר לעבנס־וויכטיק פֿאַר דער מדינה. די האַנדלונג דאַרף געוויס פֿאַרשריבן ווערן אויף דעם קרעדיט פֿון מ. בעגין. וואָלט ער געווען אין דער אָפּאָזיציע, וואָלט אַ מערך־רעגירונג נישט געקענט דורכפֿירן אַזאַ משׂא־ומתּן מיט עגיפּטן, ווייל ער וואָלט נישט דערלאָזט דערצו, אַפֿילו פֿאַרן פּרייז פֿון אַן אינערלעכער מלחמה אין לאַנד.

★

אויך אין מערך איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנג־דויערנדיקער שטרייט צווישן יצחק ראַבין און שמעון פּערעס. נאָך דער פֿאַטאַלער יום־כּיפּור־מלחמה, ווען גאָלדע מאיר האָט רעזיגנירט פֿון איר אַמט אַלס פּרעמיער־מיניסטער, האָט יצחק ראַבין איבערגענומען דעם רעגירונג־רודער. יצחק ראַבין האָט געשמט ווי דער אַרכיטעקט פֿון דער 6־טאָגיקער זיגרייכער מלחמה. ער האָט פֿאַרנומען דעם אַמט פֿון שעף פֿון גענעראַל־שטאַב פֿון צה״ל, די ישׂראל־אַרמיי, און צוזאַמען מיט זיינע פּערזענלעכע מעלות האָט ער גענאָסן פֿון אַ גרויסן אָנזען אין לאַנד. אָבער דאַן איז געשען די אומפֿאַראַנטוואָרטלעכע אַנטפּלעקונג פֿון אַ ישׂראל־זשורנאַליסט, דן מרגלית, אַז ראַבינס פֿרוי האַלט אַ קאָנטע אין אַן אַמעריקאַנער באַנק אויף דער באַנאַלער סומע פֿון 3000 דאָלאַר. די דאָזיקע געשיכטע האָט געצוווּנגען ראַבינען צו דעמיסיאָנירן און האָט איבערגעריסן די גלענצנדיקע קאַריערע פֿון אַ פֿאַרדינסטפֿולן מענטש, וועלכער האָט פֿיל אויפֿגעטאָן פֿאַר דער מדינה.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן שטרייטן אין דער פּאַרטיי (מפּא״י) אַרום דעם פֿירער־אַמט. הגם די פּאָפּולאַריטעט פֿון שמעון פּערעס אין לאַנד איז געווען די נידעריקסטע, האָט ער דאָך געהאַט אויף זיין זייט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט און ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס ערשטער אויף דער קאַנדידאַטן־ליסטע פֿון מערך. דאָס איז געווען אַ קאַרדינאַלער פֿעלער פֿונעם מערך, ווייל וואָלטן זיי אין זינען געהאַט די אינטערעסן פֿון פֿאָלק, און זייער אייגענער פּאַרטיי, וואָלטן זיי אויף דעם פֿירער־אַמט באַדאַרפֿט אַוועקשטעלן דעם געוועזענעם פּרעזידענט יצחק נבֿון, אַ ספֿרדי, וועלכער געניסט פֿון אַ גרויסן פּרעסטיזש אין לאַנד און ער וואָלט געוויס אַריבערגעצויגן אַ גרויסע צאָל פֿון די ספֿרדישע שטימען. צו זייער אייגענעם שאָדן, האָט דער מערך דאָס נישט געטאָן און דערמיט פֿאַרלוירן אַ גוטע געלעגנהייט אַרויסצוגיין ווי דעצידירטע זיגער אין דעם היסטאָרישן וואַל־פֿאַרמעסט.

★

צו די וואַלן האָבן זיך געשטעלט די פֿאַנטאַסטישע צאָל פֿון 28 ליסטעס. צוויי זענען געוואָרן געפּסלט, איז געבליבן 26. פֿאַר אַזאַ קליין לאַנד איז עס געוויס אַ שעדלעכע זאַך. אָבער די קליקע־אינטערעסן פֿון באַזונדערע גרופּקעלעך און פּערזענלעכע אַמביציעס שפּילן לײַדער אין דער מדינה אַ גרעסערע ראָל ווי דער נאַציאָנאַלער אינטערעס.

די וואַל־קאַמפּאַניע איז געווען אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק רויִקע. עס זעט אויס, אַז עס איז געווען אַ דרוק אויף די צוויי גרויסע פּאַרטייען, ליכּוד און מערך, זיך אָפּצוהאַלטן פֿון אַרויסברענגען אין דער עפֿנטלעכקייט צו דראַסטישע „פּרשות" פֿון איינעם קעגן דעם אַנדערן. די פּראָפּאַגאַנדע אין דער טעלעוויזיע איז געווען אַ קאָנטראָלירטע און דאָס האָט געווירקט אויף איינצוהאַלטן די צעהיצטע געמיטער. דאָס הייסט נישט, אַז די חילוקי־דעות זענען פֿאַרטושט געוואָרן. בשום אופֿן נישט. אין דער ישׂראל־באַפֿעלקערונג הערשט אַ זייער שאַרפֿער אַנטאַגאָניזם צווישן דעם רעכטן און לינקן לאַגער. דער ליכּוד האָט פֿאַרטיידיקט זיין סטאַטוס־קוואָ פּאָליטיק: וועגן לבֿנון האָבן זיי ווייניק גערעדט, זאָל די ישׂראל־אַרמיי דאָרט זיצן, ווי לאַנג — ביז גאָט וועט העלפֿן··· אינפֿלאַציע פֿון 400 פּראָצענט? — קיינעם אַרט עס נישט ··· (עס ווייזט אויס, אַז דער ליכּוד האָט דאָ ריכטיק אָפּגעשאַצט די סיטואַציע, ווייל די אָפּשטימונג האָט טאַקע באַוויזן, אַז דעם פֿאָלק אַרט עס נישט . . .).

די וואַל־רעזולטאַטן זענען געווען אַן אַנטוישונג פֿאַר אַלעמען. דער ליכּוד האָט פֿאַרלוירן 7 מאַנדאַטן (41 אַנשטאָט 48), דער מערך — דריי, און דאָך אַרויסגעקומען אַלס די גרעסטע פּאַרטיי מיט 44 מאַנדאַטן; די קליינע פּאַרטייעלעך האָבן צוגענומען אַזש 35 מאַנדאַטן. און דערמיט אוממעגלעך געמאַכט דאָס שאַפֿן פֿון אַ פֿעסטער רעגירונגס־מערהייט.

דאָס אויסוויילן דעם רבֿ כּהנא אין דער כנסת האָט אַרויסגערופֿן אַ קאָנסטערנאַציע און פּשוט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרשעמונג. די פֿאַרשטייער פֿון אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפֿן אויסגעדריקט זייער פֿאַרדרוס צוליב דער אומגעוויינלעכער געשעעניש. אויך די אַמעריקאַנער רעגירונג־קרייזן זענען אַנטוישט און זיי קלייבן זיך צוצונעמען ביי אים די בירגערשאַפֿט ווי נאָר ער וועט אָפּגעבן זיין שבֿועה אין דער כנסת.

דער פּרעזידענט הערצאָג האָט, נאָך באַראַטונגען מיט אַלע פּאַרטייען, באַפֿולמעכטיקט פּערעסן צונויפֿצושטעלן אַ רעגירונג פֿון „נאַציאָנאַלער איינהייט" — דאָס איז דער געשריי פֿון דער עפֿנטלעכער מיינונג. אָבער יעדער פֿון די צוויי פֿירער (און זייערע פּאַרטייען) מיינען אונטער דעם

# קאָמפּליצירטע פּאָליטיק אין ישראל

הערשל באַכראַך

די וואַלן צו דער עלפטער כנסת אין מדינת־ישראל האָבן אַרויסגערופן אַ זייער גרויסן אינטערעס נישט נאָר אין לאַנד גופא, נאָר אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער וועלט, און אוודאי האָבן נאָכגעפאָלגט אָט די גרויסע פּאָליטישע געשעעניש די יידישע געזעלשאַפט אין דער דיאַספּאָראַ.

און נישט קיין ווונדער. פּאָליטיש געפינט זיך מדינת־ישראל אין אַ קאָמפּליצירטן צושטאַנד. די מלחמה אין לבנון, וועלכע די בעגין־רעגירונג האָט אָנגעהויבן מיטן ציל צו באַוואָרענען די זיכערקייט פון אירע בירגער אין גליל, האָט נאָכן ברענגען גרויסע קרבנות פון איבער 600 געהרגעטע ישראל־זעלנער און טויזנטער פאַרוווּנדעטע — נישט געבראַכט צו קיין שום קאָנקרעטע רעזולטאַטן. די פּ.ל.אָ. איז טאַקע באַזייטיקט געוואָרן פון לבנון אַלס אַן אָרגאַניזירטער כוח, אָבער זיי קומען צוריק, אינפילטרירנדיק אין קליינע גרופּן, און וועלן מיט דער צייט ווידער באַדראָען די ישובים אין גליל. די דערגרייכטע וואָפנ־שטילשטאַנד אונטערהאַנדלונגען מיט לבנון, האָבן נישט געבראַכט צו אַ דעפיניטיוון שלום־אָפּמאַך. אַלס רעזולטאַט דערפון איז די ישראל־אַרמיי געבליבן אין אַ טייל פון לבנון, אָן דער מעגלעכקייט זיך צוריקצוציען פון דאָרטן.

דערווייל איז דאָס ישראל־מיליטער אַ ציל־ברעט פאַר ספּאַראַדישע שיסערייען און מינעס־אויפרייסן און זענען אויסגעשטעלט אויף כסדרדיקע געפאַרן.

ביי אַזאַ צושטאַנד איז די ישראלדיקע באַפעלקערונג געוואָרן אומרואיק. אַ באַדייטנדיקער טייל אירער פרעגט זיך: וואָס האָבן מיר דערגרייכט? ווי לאַנג וועלן מיר דאָרטן זיצן?

★

אויפן עקאָנאָמישן פראָנט איז די לאַגע פון ישראל נישט פיל בעסער. צו דערגרייכן אַן אינפלאַציע פון 400 פּראָצענט אַ יאָר וואָלט פאַר יעדער אַנדערער רעגירונג געווען אַ קאַטאַסטראָפע, אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען — נישט פאַר דעם ישראלדיקן בירגער. זאָלן עקאָנאָמיסטן פּרובירן אויפקלערן די סיבה דערפון, אָבער דער פאַקט איז אַז דער ישראלדיקער בירגער האָט געלט אין קעשענע צו קויפן די סאַמע לוקסוסדיקע אַרטיקלען; זיי האָבן צו פאָרן אין גרויסע מאַסן קיין אויסלאַנד און קויפן אַלץ וואָס מען קען נאָר קריגן צו קויפן.

איי, דער מלוכה־אוצר ווערט פאַראָרעמט און פאַרלירט טאָג־טעגלעך די דאָלאַר־רעזערוון אָן וועלכע אַ מאָדערנע מלוכה קען היינט נישט עקזיסטירן — דערויף זאָל די רעגירונג זאָרגן!

און די ליכוד־רעגירונג האָט בפירוש זיך נישט געזאָרגט וועגן דעם. מען האָט געביטן פיר פינאַנס־מיניסטאָרן, אָבער וואָס קען אַ מיניסטער אויפטאָן, ווען די באַזע פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק איז געווען אויסגערעכנט דערויף געפעלן צו ווערן דעם בירגער, כדי ער זאָל ווייטער שטימען פאַר מיר...

די קלענערע שותפים פון דער רעגירונג האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אומרואיק. די ערשטע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן די תמ״י (אַבו־חצירא) מיט אירע דריי מאַנדאַטן און דער פּרעמיער יצחק שמיר האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי מאַכן נייע וואַלן.

דאָ דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז די ליכוד־רעגירונג האָט פאַרלוירן איר וויכטיקסטן פאָן־טרעגער — דעם וואָס האָט זי געבראַכט צו דער מאַכט אין 1977 — מנחם בעגין. די סיבה פון זיין אַוועקגיין איז איינגעהילט אין אַ מיסטעריע, דער פּרעמיער־מיניסטער האָט זיך פּשוט אויפגעהויבן, דערקלערט אַז ער רעזיגנירט אַלס פּרעמיער־מיניסטער, אָבער ער האָט דערביי זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין מאַנדאַט אין דער כנסת. פאַר וואָס ער גייט אַוועק האָט ער נישט געוואָלט דערקלערן, און זיינע לייטענאַנטן האָבן פּרובירט פאַרשטעלן דעם ענין, אַז ער איז פּשוט נישט געזונט און קען מער נישט אָנפירן מיט דער רעגירונג.

מיט דער צייט איז דער תירוץ אָפּגעפאַלן. עס זענען נישט פאַראַן קיין שום באַווייזן אַז ער איז קראַנק. פּשוט, ער האָט אָנגענומען אַ פולן מויל מיט וואַסער און שווייגט. דער ליכוד האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אויסצוקלייבן יצחק שמיר אַלס פּרעמיער־מיניסטער. דער געוועזענער קריגס־מיניסטער אַריק שרון איז געוואָרן געצוווּנגען צו דעמיסיאָנירן פון זיין אַמט אַלס רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, פאַר וועלכע שרון און דער שעף פון גענעראַל־שטאַב „ראַפול״ איתן זענען געשטעלט געוואָרן, צוליב זייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אומדערהערטער שחיטה איבער פּאַלעסטינער אין פליטים־לאַגער שאַטילאַ.

און דאָך האָט אַריק שרון באַקומען 42 פּראָצענט שטימען אין דער לייטונג פון דער ליכוד־פּאַרטיי בעת עס איז דאָרטן געשטאַנען די פראַגע ווער עס זאָל שטיין אין שפּיץ פון דער רעגירונגס־ליסטע.

די ליכוד־רעגירונג האָט במשך די זיבן יאָר פון איר רעגירן דערפירט דאָס לאַנד צו אַ שאַרפער פאַנאַנדער־טיילונג צווישן די ישראל־בירגער. נאָך אין 1977, בעת יענע וואַלן, האָט דער פירער מנחם בעגין פאַנאַנדער־געוויקלט אַ העץ־קאַמפּאַניע קעגן די אַרבעטער־פּאַרטייען און די קיבוצים, פאַרשטעלנדיק זיי, אַז זיי זענען געוואָרן דער „עסטאַבלישמענט״ פון דער ישראל־מדינה, אַז זיי, די אשכנזים (וועלכע מען האָט מזכה געווען מיט דעם שיינעם עפּיטעט „אַשכנאַצים״) זענען די וואָס אונטערדריקן די ספרדישע באַפעלקערונג.

אָט די אומדערהערטע וואַל־פּראָפּאַגאַנדע האָט גע־

אידער דער אויסטראַלישער ווילער פאַרלירט דאָס געדולד מיט אומקאָמפּעטענטע פּאָליטיקער וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף ביליקע עמאָציאָנעלע אין טעאַטראַלע עפעקטן.

## 12טער אויגוסט 1952 —
## אַ טראַגישער יאָרצייט

דוד האָפשטיין איז צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד פון ארץ־ישראל אין יאָר 1926.

פּרץ מאַרקיש איז צוריקגעקומען פון פּוילן אין יאָר 1926. דוד בערגעלסאָן איז צוריקגעקומען פון בערלין, פּאַריז און זיך באַזעצט אין רוסלאַנד אין יאָר 1933.

משה קולבאַק איז פון ווילנע אַוועק קיין רוסלאַנד אין יאָר 1927. מאַקס עריק איז פון פּוילן אַוועק קיין רוסלאַנד.

די רשימה פון די קרבנות וועלכע מ׳האָט אין נאָמען פון פעלקער פריינדשאַפט געשאָכטן אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע — קאָן זיך ציען אָן אַ סוף.

זיי האָט געצויגן קיין רוסלאַנד די אייביקע ידישע האָפענונג, אַז מעסטן אַ גערעכטע וועלט קאָן מען נאָר מיט דער מאָס פון איר באַציאונג צו ידן — אָט די האָפענונג האָט אַ בלענד געטאָן בשעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געגעבן ידן גלייכבאַרעכטיקונג — ווי פראַנצויזישע בירגער.

ערשט די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917, און די ציטווייליקע רוסישע רעגירונג בראש מיט קערענסקין האָט אָפגעשאַפט אַלע צאַרישע, אַנטי־ידישע באַגרענעצונגען.

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט די דעקרעטן נישט געענדערט — אָבער איבערן ידישן ישוב אין רוסלאַנד איז געהאָנגען אַ געוויסע אומזיכערקייט צוליב לענינס אויפפאַסונג, אַז ידן זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, און דעריבער דאַרפן זיך ידן אַסימילירן.

צו דעם איז נאָך צוגעקומען סטאַלינס אויסטייטשונג אין זיינע באַרימטע טעזן: „צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע״.

דאָך איז דער ווילן פון זען אַ מעגלעכקייט, אַז מען קאָן אַנטוויקלען אַ ידישע קולטור־טעטיקייט, וואָס איז אייגנטלעך געווען דער אַלטער טרוים פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע, מיט פולער מלוכהשער אונטערשטיצונג — דער ווילן האָט איבערגעקעמפט דעם וואַקסנדיקן אומרו.

דער טרוים פון ידישער גלייכבאַרעכטיקונג — אויס פּאָגראָמען; אַלע מלוכהשע פּאָסטנס אָפן פאַר ידן; שולן; פאַרלאַגן; טעאַטערס — האָט אויסגעזען מיטן האַנט צו דערלאַנגען.

פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג האָבן ידן אין סאָוויעט־רוסלאַנד געצאָלט אַ טייערן פּרייז. מען האָט אויף ס׳כוח אויסגעוואָרצלט דאָס ידישע שטייגער־לעבן; מען האָט פאַרוואַנדלט די ידישע שטעטלעך אין לעבעדיקע בית עולמס נאָך אידער מען האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי צו בויען אַ נייע ווירקלעכקייט.

יעדער רעזשים האָט זיינע „טשינאָווניקעס״. די יעווסעקציע האָט נישט נאָר דורכגעפירט דעם שטילן פּאָגראָם אויפן ידישן טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, נאָר אויך געזוכט פּאָליטישע אָפּנייגונגען ביי ידישע שרייבער ווי מאַרקיש, בערגעלסאָן, קולבאַקן און אַפילו ביי כאַריקן, וואָס איז שוין געווען אַ מיטגליד פון צענטראַלן וויסרוסישן אויספיר־קאָמיטעט.

סיי די פאַרפאָלגטע און סיי די פאַרפאָלגער האָט נישט אויסגעמיטן דער שוידערלעכער טראַר פון די דרייסיקער יאָרן, וואָס האָט זיך אָפגעשטעלט בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, און איז לגבי ידן באַנייט געוואָרן אין די יאָרן 1948־1952.

דאָ האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט וועגן איינצלנע שרייבער אָדער קולטור־טוער, קינסטלער. אַלץ וואָס האָט זיך באַוועגט אין די העכערע ספערן און געהאַט אַ ידישן נאָמען, איז שוין געווען אַ פאַרמשפּטער. דאָס גרייטן דעם דאָקטוירים־פּראָצעס; די ביראָבידזשאַנער פּראָצעסן, אַלע וועגן האָבן געפירט צו איין פונקט — פאַרניכטונג.

דעם 12־טן אויגוסט 1952 זענען אויפן הויף פון לוביאַנקער תפיסה אין מאָסקווע דערשאָסן געוואָרן 24 פון די אָנפירנדיקע קולטור־פערזענלעכקייטן אין ידישן לעבן.

דערמאָנען מיר די דאַטע לזיכרון, און מיר נעמען די קרבנות אַריין אין פאַנטעאָן פון אונדזערע קדושים.

## יאַלטאַ

די אָפמאַכן צווישן די אַליאירטע, ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן איבערגעגעבן די אַפּוטרופּסות איבער מזרח־אייראָפּע צו די סאָוויעטן, אָן אָנצופרעגן די פעלקער צי זיי נויטיקן זיך אין אַן אַפּוטרופּסות.

די, וועלכע הערן נישט אויף צו אונטערשטרייכן זייער פאַרפליכטונג אָפּצוהיטן מענטשן־רעכט, האָבן פאַרקויפט מיליאָנען מענטשן פּשוט ווי שקלאַפן.

מיר זעען נאָך נישט קיין סימנים פון די מערבדיקע פעלקער, אַז זיי ווייזן אַרויס חרטה אויף דער האַנדלונג פון זייערע פּאָליטיקער.

מיר הערן שוין אָבער די וואָרענונג פון די סאָוויעטן, אַז די באַזע פון דער פּאָליטישער און געאָגראַפישער אָרדענונג אין אייראָפּע איז דער אָפמאַך פון יאַלטאַ, און אַלע אונטערגעשריבענע פעלקער מוזן אים רעספּעקטירן און אָפּהיטן, און נישט אַנדייטן אויף ענדערונגען.

וועלכן חשבון מיר ידן זאָלן נישט האָבן מיט די פעלקער פון מזרח־אייראָפּע, מוזן מיר אָבער קלאָר מאַכן אָנדענק פון פּאָליטישע פירער ווי פּרעזידענט רוזוועלט און פּרעמיער טשערטשיל.

זייער ראָל אין אָפמאַך שטעלט אין שאָטן זייערע פאַרדינסטן און אויפטוען פאַר דער מענטשהייט בעת דער מלחמה.

מ. א.

# מעלבורנער בלעטער

ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע

"KADIMAH", 7 Selwyn Street, Elsternwick, Victoria 3185, Australia
אַדרעס פון רעדאַקציע:

מעלבורן, אויסטראַליע

נומער 4 (43)

אויגוסט־סעפּטעמבער 1984

## לייבאָר־פּאָליטיק — מיטן פּנים צו אויסטראַליע

„זאָל מען נישט געפּרוווט ווערן צו וואָס מען קאָן געוווינט ווערן" און געוווינט זענען מיר שוין, אַז די לייבאָר־פּאַרטיי פאַרמאָגט אַן איינגעבויטן זעלבסט־צעשטערישן מעכאַניזם, די פּראַקציעס, וואָס האָבן גורם געווען דאָס פאַלן פון דער וויטלאַם־רעגירונג. עס ווייזן זיך שוין שפּאַלטן אין דער קאָנסטרוקציע פון דער באָב האָוק רעגירונג.

נאָך דעם, ווי די וויטלאַם־מיניסטאָרן זענען אַריבער פון אָפּאָזיציע צו רעגירן — האָבן זיי זיך נישט באַפרייט פון די אַלטע געוווינהייטן צו מאַכן דעקלאַראַציעס אויף דער אייגענער האַנט.

עס האָט זיך דעריבער אַזוי באַקומען, אַז יעדער מיניסטער פאַר זיך האָט געזאָגט עפּעס אַנדערש און דאָס האָט געבראַכט שאָדן דער רעגירונג אין אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען.

אַפילו וויטלאַם מיט זיין אינטעלעקטואַלן פּרעסטיזש האָט די ריסן נישט געקאָנט פאַרלאַטען.

צי מיר זענען אַ מדינה פון אייראָפּייער אין אַזיע, אָדער אַן אַזיאַטישע מלוכה, און במילא ליגן אונדזערע אינטערעסן אין אַזיע — איז אויסטראַליע נישט בלויז אַ מדינה, נאָר אַ קאָנטיטענט מיט אַ קליינער באַפעלקערונג (ווערדליק אַ קאָנטינענט) און מיט זייער אַ באַגרעניצטן כוח דעם קאָנטינענט צו פאַרטיידיקן.

מען דאַרף האָבן אין זינען (ווי עס האָבן עס אין זינען אַלע הונגעריקע פעלקער מיט ריזיקע אַרמייען) אַז אויסטראַליע איז אַ שפּייז־פּראָדוצירער פאַר מיליאָנען; אַז עטלעכע אונטערוואַסער־שיפן מיט נוקלעאַרע ראַקעטן קאָנען אַנוואַרפן אַ מורא אויף אויסטראַליע און דורך שאַנטאַזש אויספּרעסן שפּייז־פּראָדוקטן, אוראַניום און אַנדערע וויכטיקע סטראַטעגישע מאַטעריאַלן פאַר בחינם, אָדער כמעט אומזיסט.

אונטערן דראָאונג פון פאַרניכטונג קאָן אויסטראַליע פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גרויסן שקלאַפן־לאַגער (אונטער דער אָנפירונג פון אויסטראַליער) וואָס וועט טאָן אַלץ, אַבי מ'וועט שענקען דאָס ביסעלע לעבן.

עס וועלן נישט העלפן די מערב־אויסטראַלישע „אידעאָלאָגן" וועלכע אַלאַרמירן, אַז אויסטראַליע איז באַדראָט צוליב די אַמעריקאַנער קאָמוניקאַציע־באַזעס.

עס וועלן אויך נישט העלפן די רעדעס פון נאָבעל־פּריז שרייבער פּאַטריק ווייט, און די גוט־מיינענדיקע פּאָעטעסע דזשודיט רייט. אינטעלעקטואַלן האָבן זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט אַ היפּשער דאָזע נאַיוויטעט וואָס שייך פּאָליטיק — און די אויסטראַלישע זענען נישט קיין אויסנאָם.

אונדזער אויסערן־מיניסטער, וועלכער האָט ביז איצט געהאַנדלט מיושבדיק, אין איינקלאַנג מיט די באַשלוסן פון דער רעגירונג און אין די אינטערעסן פון אויסטראַליע — האָט אויף דער אַנטוואָפּענונגס קאָנפערענץ אין דער שווייץ „זיך געלאָזן ווילגיין" אויפן חשבון פון אַמעריקע, כאָטש ער ווייס זייער גוט, אַז אַמעריקע איז אונדזער איין און איינציק לאַנד פון וועלכעס מיר קאָנען דערוואַרטן הילף אין פאַל ווען אויסטראַליע וועט ווערן באַדראָט פון אַ פיינטלעכן כוח.

אַן אָפּאָזיציע קאָן עקזיסטירן אויפן עליקסיר פון אידעאָלאָגישע איינרעדענישן, וועלכע פאַרפּליכטן איר צו גאָרנישט; זי קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן אינטעלעקטועלע פאַנטאַזיעס, אָן שום התחייבות פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד.

אַ רעגירונג מוז האַנדלען אין אירע מעגלעכקייטן — און אין די אינטערעסן פון לאַנד, אין די ראַמען פון רעאַל־פּאָליטיק.

יעדער איינער וואָס רעדט זיך איין (און וויל איינרעדן דעם פאָלק) אַז אויסטראַליע קאָן עקזיסטירן אָן צו זיין פאַרבונדן מיט אַמעריקע, און דורך איר — מיטן מערבדיקן פאַרטיידיקונגס סיסטעם — דאַרף זיך זעצן צוריק אויפן שול־באַנק, און נישט זיצן אין אַ פּאַרלאַמענט אָדער רעגירונג.

דער פּרעמיער באָב האָוק האָט אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג און אינסטרומענט כדי צו פירן אויסטראַליע אויפן וועג פון פּראָגרעס און וווילזיין.

צום באַדויערן נוצן זיינע פּאַרטיי־חברים אויס יעדע געלעגנהייט „אַרויסצולאָזן די לופט פון די רעדער" כדי די רעגירונגס־מאַשין זאָל נעמען זינקען אין אַ בלאָטע.

לאָמיר האָפן, אַז די רעגירונג (און די לייבאָר־פּאַרטיי) וועט באַצייטנס לייענען „דאָס שריפט אויף דער וואַנט" אידער דער זייגער פון דער צייט שלאָגט אויס צוועלף;

Goldy's **COFFEE LOUNGE and RESTAURANT**

**212 Little Collins Street. Melbourne**

**Phone: 63 1034**

## צעשיאַ און אברהם גאָלדבערג

## און משפּחה

חיים גאָלדבערג און העלען באַרנשטיין

ווינטשן אַלע קרובים, פריינד און קליענטן

## אַ גוט, גליקלעך יאָר

---

טייערע כייטשע, חנהלע,
פייגעלע און משפּחות

צוזאַמען מיט איך, טרויערן מיר
אויף דעם פּריצייטיקן פאַרלוסט
פון אייער און אונדזער

## יאַנקל
## לערמאַן

זייט געטרייסט.

חוה, באָנע
און פּינטשע

---

## רישאַ און מאיר
## בורשטין

באַגריסן דעם

## חורבן־צענטער

צום ערשטן יאָר
פון זיין וויכטיקער אַרבעט

און רופן אַלעמען אונטערצושטיצן
דעם צענטער.

ISSN 0155-0128

# מעלבורנער בלעטער

## אינהאלט:


מ. א. — לייבאָר־פּאָליטיק — מיטן פּנים צו אויסטראַליע . 1
12טער אויגוסט — אַ טראַגישער יאָרצייט; יאַלטאַ

הערשל באַכראַך — קאָמפּליצירטע פּאָליטיק אין ישראל . . . . . . 3

שלום ג. — מען קאָן אייך, פעטער... . . . . . . . . . 5

ד"ר מ. פערשטענדיק — יצחק קאַצענעלסאָן (צו זיין 40טער יאָרצייט) . . . 6

יאַשאַ ש. — איז געפלויגן די גאָלדענע עפּאָווע... . . . . . . 10

דאָבקע אָפּעלאָוויטש — אַ געזאַנג אַזאַ (פּאָעמע) . . . . . . . . . . 11

מגר. בן־ציון פעלדשוה — סאָקראַטעס און זיין פילאָסאָפיע . . . . . . . 11

יעקב ראָזענבערג — חלומות... (ליד) . . . . . . . . . . . . 13

מלך ראַדזינער — מענטש און וועלט (פּאָעמע) . . . . . . . . . 14

י. מ. לעווין — איך בין אַ ייד — אַ קאָסמאָפּאָליט (ליד) . . . . . 14

מאַרק בעזובני — בעמוד אש (דערציילונג) . . . . . . . . . . 15

שמואל בענעט — צוויי נייע ביכער . . . . . . . . . . . . 18

נ. אַרטענשטיין — אַ מעלבורנער ייד אין מצרים . . . . . . . . . 19

י. וואַרשאַווסקי — יוסף ראָטענבערג — מיין לערער און דערציער . 21

אין אונדזער סביבה . . . . . . . . . . . . . 22


פּרייז פון נומער $1.50


אַרויסגעגעבן דורך דער „קדימה" אין מעלבורן, אויסטראַליע

מעלבורן נר. 4 (43) אויגוסט—סעפּטעמבער 1984